STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00736

100 YOR MODERNE YIDISHE LITERATUR

Ephim H Jeshurin

Permanent preservation of this book was made possible by
Mr. & Mrs. Herbert J. Horowitz
in memory of
Louis & Helen Horowitz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-00736-6

9780657007362T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

יעפים ישורין

100 יאָר מאָדערנע יידישע ליטעראַטור

ביבליאָגראַפישער צושטייער

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן

אויף דער איניציאַטיוו פון דעם

נאַציאָנאַלן סאָציאַלן קלוב פון אַרבעטער-רינג

לכבוד דעם אַכציקסטן געבוירן-טאָג פון

יעפים ישורין

יעפים ישורין

100 יאָר מאָדערנע יידישע ליטעראַטור

ביבליאָגראַפישער צושטייער

פאַרלאַג פון בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג
ניו־יאָרק 1965

EPHIM H. JESHURIN

ONE HUNDRED YEARS
Modern Yiddish Literature

BIBLIOGRAPHY

Copywright by:
EPHIM H. JESHURIN
New York, N. Y.

1965

Published by:
EDUCATIONAL COMMITTEE WORKMEN'S CIRCLE
New York, N. Y.

Printed by:
Knight Printing Corp., 382 Lafayette Street. New York, N. Y. 10003
96

אינהאַלט:

1. מרדכי וו. בערנשטיין — ביבליאָגראַפיע בכלל — ביבליאָגראַפיע ביי יידן און יידישע ביבליאָגראַפיע.

2. יעפים ישורין — צו דער ביבליאָגראַפיע פון 100 יאָר מאָדערנע יידישע ליטעראַטור.

3. יעפים ישורין — צו דער ביבליאָגראַפיע פון יידישן שולוועזן און פעדאַגאָגיע.

4. יעפים ישורינס ביבליאָגראַפישע אַרבעטן (רשימות און טאַבעלעס).

גערווידמעט אונדזער זון

הערבערט

וואָס איז אַזוי יונג פאַרשניטן געוואָרן

מיטצי און יעפים

מרדכי וו. בערנשטיין

ביבליאָגראַפיע בכלל — ביבליאָגראַפיע ביי יידן און יידישע ביבליאָגראַפיע

אַריינפיר

דער אייגנטלעכער טייטש פון וואָרט ביבליאָגראַפיע מיינט ביכער־פאַרצייכעניש אָדער ביכער־באַשרייבונג (פון גריכיש: ביבליאָן — בוך; גראַפאַ — שרייבן).

די ביבליאָגראַפיע ווי אַ הילף־וויסנשאַפט האָט זיך פון אָנהייב פאַרנומען מיט צונויפשטעלן ביכער־רשימות, זיי באַשרייבן לויט זייערע אויסערלעכע „פאַספאָרטן״: — נאָמען פון מחבר; טיטל פון בוך; וואו און ווען געדרוקט; צאָל זייטן; פאָרמאַט און אַנדערע פּרטים. שפּעטער קומט צו חוץ די באַשרייבונג פון דעם לבוש פון בוך אויך די אַנאַליטישע ביבליאָגראַפיע, וואו עס זענען פאַרצייכנט די וויכטיקע פּרטים פון בוך.

די ביבליאָגראַפיע וואַקסט זיך מיט דער צייט פאַנאַנדער און די ביבליאָגראַפן הייבן שוין אָן צונויפשטעלן רשימות פון אַנדערע קעגנשטאַנדן ווי ביכער. עס קומען אויף ביבליאָגראַפיעס פון פּעריאָדישע אויסגאַבעס; ביבליאָגראַפישע רשימות וועגן באַזונדערע שאַפונג־געביטן און וויסנשאַפט־צווייגן, ווי: מוזיק, קונסט, טעאַטער, פילאָסאָפיע, מעדיצין, טעכניק אאַ״וו. לסוף קומט אויף די ביאָ־ביבליאָגראַפיע, ביבליאָגראַפישע רשימות פון שאַפונגען פון יחידים זייערע ווערק אין ביכער־פאָרם אָדער אַרטיקלען; רעצענזיעס פון זייערע ווערק און אָפּשאַצונגען, וועגן זייער לעבן און שאַפן ווי בכלל אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו דער געגעבענער פּערזענלעכקייט.

דער ציל וואָס דער דאָזיקער וויסנשאַפטלעכער געביט האָט זיך געשטעלט איז געווען צוצושטעלן די פאַראינטערעסירטע פאָרשערס און וויסנשאַפטלער דעם נויטיקן רוישטאָף, די געפאָדערטע דאָקומענטאַציע פאַר זייערע שטודיעס און ווערק. דער בעסטער וויסנשאַפטלער קען ניט וויסן וואו אַלץ ער

קען געפינען מאַטעריאַלן, פֿאַקטן, דאַטן, ציפֿערן און דאָס גלייכן פֿאַר זיין פֿאָרשונג־טעמע. די ביבליאָגראַפֿיע איז דעריבער געוואָרן פֿון די וויכטיקסטע וויסנשאַפֿטלעכע הילף־מיטלען פֿאַר דער פֿאָרשונג. די ביבליאָגראַפֿישע רשימות זענען דעריבער, ניט אין פּראַזאָלאָגישן נאָר אין פּראַקטישן זין, דער שליסל צו דעם פֿאַרשלאָסענעם אוצר (אָדער אוצרות) וואָס דער פֿאָרשער, יעדער אויף זיין געביט, וויל אויסגעפֿינען.

היינט איז ביבליאָגראַפֿיע איינע פֿון די וויכטיקסטע פֿונדאַמענטאַלסטע וויסנשאַפֿט־מאַטעריעס; עס איז אַן אומבאַדינגטער באַשטאַנדטייל פֿון דער לערן־ און שטודיר־דיסציפּלין. דער קולטור־מצב פֿון אַ לאַנד אָדער אַ וויסנ־שאַפֿטלעכן אינסטיטוט, הויכשול, שטודיר־צענטער ווערט געמאָסטן לויט דעם ווי אַזוי זעט עס אויס ביי זיי מיט דער אַנטוויקלונג פֿון זייערע ביבליאָגראַפֿישע אַנשטאַלטן. עס עקסיסטירן היינט אומעטום, ביי אַלע פֿעלקער, אין אַלע לענדער און ביי אַלע אַקאַדעמישע אינסטיטוטן ביבליאָגראַפֿישע צענטראַלעס, ביבליאָ־גראַפֿישע רעגיסטריר־פּונקטן, ביבליאָגראַפֿישע קאַטעדרעס, ביבליאָגראַפֿישע זשורנאַלן.

די פֿילע טויזנטער, אין גאָר דער וועלט, אויף אַלע שפּראַכן דערשינענע ענציקלאָפּעדיעס, לעקסיקאָנען, קאַטאַלאָגן אָדער אַנדערע רעפֿערענץ האַנטביכער פֿאַר אַלע וויסנשאַפֿט־צווייגן זענען געבויט אויסשליסלעך אויפֿן יסוד פֿון ביבליאָגראַפֿיעס. אָן די דאָזיקע מקורים וואָלטן די אַלטע מינים הילף־ביכער פֿאַר דער שטודיע פֿון דער מענטשלעכע גייסטיקע קולטור און טעכנישער ציווי־ליזאַציע ניט געקענט געשאַפֿן ווערן.

דער וויכטיקסטער, דער אַממערסטן גענוצטער מאַטעריאַל אין די ביב־ליאָטעקן איז טאַקע די ביבליאָגראַפֿישע רעפֿערענץ־אָפּטיילונג אָן וועלכער קיין שום לייענער און פֿאָרשער קען ניט אויסקומען.

די ביבליאָגראַפֿן, די זאַמלער און צונויפֿשטעלער פֿון די פּאָזיציע־רשימות פֿאַר די באַזונדערע טעמעס און די פֿאַרשידענע יחידים־פּערזענלעכקייטן זענען דעריבער אין דער בחינה פֿון גייסטיקע ים־טויכער, וועלכע לאָזן זיך אַרונטער אין די טיפֿענישן פֿון ברייטן (אָפּטמאָל טאַקע גאָר צעשטורעמטן) גייסטיק־ליטעראַרישן ים פֿון וואַנען זיי פֿישן אַרויס די צעוואָרפֿענע אויפֿן דאָזיקן ים־דעק פּערל. זוכן זיי אויס; זאַמלען זיי און סדרן זיי אויס און שאַפֿן דערפֿון גייסטיקע פּערל־קרענץ און טראָגן עס אונטער צו די יעניקע וואָס נויטיקן זיך אין זיי.

הונדערטער און הונדערטער וויכטיקע וויסנשאַפֿטלעכע ווערק און גייסטי־קע אויפֿטוען זענען געשאַפֿן געוואָרן נאָר אַ דאַנק דער שטילער, מיפּולער, זשמודנער און עקשנותדיקער אַרבעט פֿון ביבליאָגראַפֿן־טויכערס, וואָס האָבן צוגעשטעלט דעם וויכטיקסטן מקורות־מאַטעריאַל פֿאַר די דאָזיקע אַרבעטן.

טרעפֿט טאַקע גאָר אָפֿט וואָס איינער אַזאַ וויסנשאַפֿטלער אָדער פֿאָרשער ווערט געקרוינט פֿאַר זיין ווערק און עס ווערן געשטעלט אין שאָטן די יעניקע

וואָס האָבן צונויפגעקליבן די ציגל צום בנין. מיט קלייניקע פּעטיט־אותיות ווערן געבראַכט די הערות, די באַמערקונגען (די ביבליאָגראַפישע אָנווייזן) וואָס קומען אופן זעלביקן בלעטל אָדער צום סוף פון בוך פון געגעבענעם ווערק.

אַ גאָר גרויסע צאָל פון די ביבליאָגראַפן געפינט זיך טאַקע אין דער לאַגע פון פאַרשוויגענע, פאַרהוילענע; אין דער בחינה פון די לעגענדאַרע לאַמעד־וואָוניקעס, וואָס די וועלט האַלט זיך אויף זיי און די וועלט קאָן זיי גאָרניט.

מיין איצטיקע אַרבעט וועגן ביבליאָגראַפיע בכלל, און יידישע ביבליאָגראַפיע בפרט, טראָג איך טאַקע אונטער ווי אַ מתנה צו איינעם פון אונדזערע היינטצייטיקע מוסטערדיקע טויכערס פון אונדזער יידישן גייסטיקן ברייט־צעשטורעמען ים, צו דעם פּערל־זאַמלער און צונויפשטעלער פון ביבליאָגראַפישע קרענץ וואָס מיט זיין פּראָדוקטיווקייט און שעפערישער סיסטעמאַטיקייט רופט ער אַרויס אָנערקענונג און באַוואונדערונג. עס איז אַ געבוירן־טאָג מתנה צום ליבן חבר און פריינד יעפים ישורין צו זיין יונג ווערן אַכציק יאָר.

צו דער געשיכטע פון ביבליאָגראַפיע בכלל

ווי דער „פאָטער פון ביבליאָגראַפיע" ווערט פאַררעכנט דער שווייצאַרישער מעדיקער און נאַטורפאָרשער קאָנראַד געסנער. אין דריי בענד „ביבליאָטעקאַ אוניווערסאַליס", וואָס זענען דערשינען אין די יאָרן 1545—1555 זענען פאַרצייכנט אַלע דאַן אים באַקאַנטע ביכער אין לאַטיין, גריכיש און העברעאיש. מען דאַרף טאַקע דעם 16טן יאָרהונדערט פאַררעכענען ווי דעם אָנהייב פון דער ביבליאָגראַפישער וויסנשאַפט, הגם יענע פאַרצייכענישן האָבן נאָך ניט געהאַט די היינטיקע שוין וויסנשאַפטלעכע, מעטאָדע פון רעגיסטרירן די ווערק.

אין דעם זעלביקן יאָר־הונדערט דערשיינט אויך אַ פּריוואַטער בוך־קאַטאַלאָג, וואָס געהערט צו דער קאַטעגאָריע ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענישן און האָט אין די שפּעטערדיקע צייטן אָנגענומען אַ גאָר ברייט־פאַרשפּרייטן כאַראַקטער. אין יאָר 1564 (אומגעפאַר מיט 400 יאָר צוריק) האָט אַ געוויסער געאָרג ווילער פון אויגסבורג, דייטשלאַנד, אָפּגעדרוקט די ערשטע געדרוקטע רשימה פון ביכער, וואָס ער האָט אין יענעם יאָר איינגעקויפט אויף דעם פראַנקפורטער ביכער־יאַריד. די דאָזיקע געדרוקטע ביכער־רשימות זענען פון אים און זיינע יורשים געפירט געוואָרן אין משך פון אַ קאַרגן יאָרהונדערט — ביזן יאָר 1624.

אין אָנהייב פון 17טן יאָרהונדערט (1602 אין פראַנקפורט, דייטשלאַנד) דערשינען 2 בענד מיט פאַרצייכענישן פון די דערשינענע ביכער און 16טן יאָרהונדערט, מחבר יאָהאַן קלעס.

אין זעלביקן יאָרהונדערט דערשיינען אין פראַנקפורט דריי בענד פון געאָרג דראוד: 1) „ביבליאָטעקאַ קלאַסיקאַ" (1911); 2) „ביבליאָטעקאַ עקזאָטיקאַ" (1910); 3) „ביבליאָטעקאַ ליבראָרום גערמאַניקאָרום קלאַסיקאַ" (1911).

די ווייטערדיקע פיר ביבליאָגראַפישע ווערק געהערן צו די יעניקע, וואָס האָבן שוין אויפגעהויבן דער ביבליאָגראַפיע צום מצב פון וויסנשאַפטלעכער באַ־אַרבעטונג און געלייגט דעם יסוד פון דער היינטיקער אַזוי שטאַרק צעוואָקסענער ביבליאָגראַפיע. מען קען ניט באַנעמען דער היינטיקער צעצווייגטער טעטיקייט פון דעם דאָזיקן געביט זיך ניט באַקענענדיק מיט די דאָזיקע אָנהייבן. מיר גיבן די דאָזיקע ווערק אין דער שפּראַך ווי אַזוי זיי זענען דאַן דערשינען:

1) *Theophil Georgi* — "Allgemeines Europaeisches Buecher-lexikon".

פינף בענד און דריי בענד צוגאָב, דערשינען אין לייפּציג אין די יאָרן 1742—1758.

2) *Jaeques Charles Brunet* — Manuel du literairie et de L'amateur de livres".

זעקס בענד און 2 צוגאָב דערשינען אין פּאַריז אין די יאָרן 1860—1880.

3) *Friedrich Adolf Ebert* — "Allgemeines bibliographisches Lexikon".

צוויי בענד דערשינען אין לייפּציג אין די יאָרן 1821—1830.

4) *Johanw George Theodor Grasse* — "Trésor de Livres rares et precieux".

זיבן בענד דערשינען אין די יאָרן 1859—1869 אין דרעזדען.

פּאַקטיש זענען עס געווען די מאָדעלן פאַר דער שפּעטערדיקער אינטער־נאַציאָנאַלער ביבליאָגראַפיע.

אין 18טן און 19טן יאָרהונדערט ווערט אויך אַוועקגעלייגט דער ערשטער יסוד פאַר ביבליאָגראַפישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, פאַר זשורנאַלן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאַרצייכעניש פון די ניי־דערשינענע ווערק און די פּראָב־לעמען פון דרוק ווען בכלל. ווידער זענען עס דייטשלאַנד און פראַנקרייך די ערשטע. מיר וועלן דאָ טאַקע דערמאָנען די ערשטע 2 וויכטיקע ביבליאָ־גראַפישע פּעריאָדישע פּעבליקאַציעס.

1) *"Algemeines Repertorium der Literature"*.

רעדאקטירט פון יאָהאַן סאַמועל ערש, וואָס איז דערשינען אין ווייִמאַר אין די יאָרן 1793—1807.

2) *"Polybiblion"* Revue bibliographique universalle

דערשינען 13 בענד אין פּאַריז פון יאָר 1868 און ווייטער.

אַ באַזונדער אָרט אין דער וועלט־ביבליאָגראַפיע פאַרנעמען די ביב־ליאָגראַפישע פאַרצייכענישן פון אינקונאַבעלן דאָס הייסט ביכער דערשינען ביזן יאָר 1500 זינט דעם אָנהייב פון ערשטן געדרוקטן בוך (די ביבל אין דייטש) פון גוטענבערגן אין פראַנקפורט אין יאָר 1440, עס זיינען באַקאַנט ביז

40.000 אינקונאַבעלן. עס איז אַ באַזונדער צווייג פון דער ביבליאָגראַפיע, וואו די יידישע אינקונאַבעלן פאַרנעמען זייער באַשיידענעם פּלאַץ. [1]).

בכדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן דער ממש קאָלאָסאַלער אַנטוויקלונג און צעצווייגונג פון דער אינטערנאַציאָנעלע ביבליאָגראַפיע וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף איין ווערק פון ענציקלאָפּעדיש־לעקסיקאָנישן כאַראַקטער, און אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָגראַפיע פון ביבליאָגראַפיעס, צוליב דער גאָר וויכטיקייט פון דער אויסגאַבע וועל איך זיך אַ ביסל ברייטער אויף איר אָפּשטעלן.

דער נאָמען פון דער פּובליקאַציע איז:

Internationale Bibliographie der Bibliographie.

---

[1] אינקונאַבעלן, ווערטלעכע איבערזעצונג פון לאַטיין, פון דער וויגעלע, הייסן זיי טאַקע אין דייטש „וויגדרוקן“. עס ווערן געמיינט יענע דרוק־אויסגאַבעס, וואָס זענען דערשינען פון דעם טאָג ווען די דרוק־מאַשין איז דערפונדן געוואָרן ביז דעם יאָר 1500.

די גרעסטע טייל פון די באַקאַנטע יידישע אינקונאַבעלן, העכער 170 (פון בערך פערציק טויזנט (!), וואָס די אומות־העולם האָבן)זענען כמעט אַלע געדרוקט געוואָרן אין איטאַליע, אַ פּאָר אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל און איין איינציקער אין קאָנסטאַנטינאָפּאַל.

די סיבה וואָס גראָד מיר, דער עם־הספר, האָט געוואַרט גאַנצע 35 יאָר, כדי אַרויסצוקומען מיטן ערשטן געדרוקטן יידישן בוך ווערט אויפגעקלערט דערמיט וואָס עס איז אין דער רבנישער וועלט פון יענער צייט געווען אַ געוויסע קעגנערשאַפט צו דעם, אַז מען זאָל דרוקן יידישע ספרים. לרוב זענען עס דאָך דאַן געווען ספרי־קודש; האָבן די שומרי־החומות פון דער יידישער טראַדיציע מורא געהאַט, אַז עס ווערט פאַרשוועכט די הייליקייט פון יידישן ספר, וואָס פלעגט דורך די סופרים געשריבן ווערן מיט קדושה און טהרה. אַ גאָר שאַרפע קעגנערשאַפט האָבן אַרויסגעוויזן די סופרים גופא, וועלכע האָבן אין דעם דרוקן געזען עפּעס „מעשה־כישוף“. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָט געשפּילט אַ ראָלע אויך די מאַטעריעלע זייט — די קאָנקורענץ פון דער מאַשין. האָט מען זיך שוין יאָ גענומען דרוקן יידישע ספרים האָבן די דרוקערס, פּרעסערס, קאָרעקטאָרן און אַנדערע דערביי באַשעפטיקטע, גענומען פאַר זיך דעם געהויבענעם טיטל פון „העוסקים במלאכת הקודש“, די וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער הייליקער עבודה.

די בערך 170 העברעאישע אינקונאַבעלן זענען געדרוקט געוואָרן אין די ווייטערדיקע שטעט (אין די קלאַמערן זענען די יאָרן ווען די ספרים זענען דערשינען).

איטאַליע:

Reggio di Calabria (1475); Pieve di Sacco (1475); Mantua (1476, 1477); Roma (1489); Soncino (1483, 1484, 1485, 1486, 1487, 1488, 1489, 1490; Ferrara (1477); Bologna (1477, 1482) ; Casal Maggiore (1485-86); Neapoli (1487, 1488, 1489, 1490, 1491, 1492); Brescia (1491, 1492,1493, 1494) ; Barco (1496, 1497).

שפּאַניע:

Guadalajara (1481); Ixar (1485, 1487, 1488, 1490); Zamora (1487).

פּאָרטוגאַל:

Faro (1487, 1496); Lisbon (1489, 1491, 1492); Leiria (1494).

און טערקיי:

Konstantinopol (1495).

די דאָזיקע אַרבעט האָט 8 העפטן וואָס זענען דערשינען אין פראַנקפורט אַם מאַין פון 1939 ביז 1950. עס ווערן דאָרטן געבראַכט ניט סתם ביבליאָגראַפיעס פון געביטן נאָר ביבליאָגראַפיעס פון ביבליאָגראַפיעס. אָט איז דער אינהאַלט פון די דאָזיקע 8 העפטן:

אַלגעמיינע און נאַציאָנאַל־ביבליאָגראַפיע:

ביבליאָגראַפיע פון ביבליאָגראַפיעס;
אַלגעמיינע ביבליאָגראַפיעס;
בוך און ביבליאָטעק־וועזן;
נאַציאָנאַל ביבליאָגראַפיע.

פאַך־ביבליאָגראַפיע (באַזונדערע) געביטן

טעאָלאָגיע און רעליגיע־וויסנשאַפט;
גייסט — און קולטור־וויסנשאַפט;
אַרכעאָלאָגיע;
געשיכטע־וויסנשאַפט;
קונסט־וויסנשאַפט;
פּעדאַגאָגיק, ספּאָרט און שפּילערייען;
פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע;
יורידישע רעכט, מלוכה־פירונג אוןווירטשאַפטס־וויסנשאַפטן.
שפּראַך און ליטעראַטור־וויסנשאַפט;
פעלקער און ראַסן־פאָרשונג;
פאָלקלאָר;

עקזאַקטע און נאַטורוויסנשאַפטלעכע וויסנשאַפטן:

אַסטראָנאָמיע; ביאָלאָגיע; באָטאַניק; כעמיע;
געאָגראַפיע; געאָלאָגיע; מינעראַלאָגיע.
מאַטעמאַטיק; מעדיצין;
מעטעאָראָלאָגיע; געאָפיזיק; נאַטורוויסנשאַפטן;
פיזיק; טעכניק; זאָאָלאָגיע;
מיליטערישע וויסנשאַפט.

לאָמיר צוגעבן, אַז די דאָזיקע ביבליאָגראַפיעס נעמען אויך אַרום פּאָזיציעס וועגן יידישע געביטן.

ביבליאָגראַפיע ביי יידן

ביז איצט האָבן מיר גערעדט וועגן דאָס אָרט וואָס ביבליאָגראַפיע פאַרנעמט אין דער וויסנשאַפט ביי די אומות־העולם. דאָס אַלץ האָט נאָך אַ וויכטיקערע שייכות צו אונדז יידן. ביי די אומות־העולם האָט זייער ביבליאָגראַפיע געוויסע

פעסטע אָנגעצייכנטע גרענעצן — שפּראַכלעכע און געאָגראַפישע. אונדזער ביבליאָגראַפיע, ריכטיקער דער רוישטאָף פאַר אונדזער ביבליאָגראַפיע, איז צעזייט אין כל תפוצות ישראל און איז פיל־שפּראַכיק.

לאָמיר נעמען, למשל, אַ ביבליאָגראַפישע רשימה וועגן מוזיק אין איטאַליע. זיכער וועט די דאָזיקע האָבן אַ שפּאָר ביסל פרעמד־שפּראַכיקע פּאָזיציעס, אָבער, דער עיקר, וועלן דאָס זיין מקורות אין איטאַליעניש און טאַקע פון איטאַליע גופא. אַ ביבליאָגראַפיע פון מוזיק ביי יידן וועט אָבער האָבן מקורות פון צענדליקער לשונות און פון אומעטום, וואו אונדזער צעזייט און צעשפּרייט פאָלק לעבט און שאַפט, אָדער האָט געלעבט און האָט געשאַפט.

טאַקע צוליב דעם דאָזיקן מצב פון יידישן פאָלק — זיין צעשפּרייטקייט און די פילשפּראַכיקייט פון זיין שאַפונגס־ספערע — איז די יידישע ביבליאָגראַפיע, אָדער ריכטיקער די ביבליאָגראַפיע ביי יידן, אַ גאָר קאָמפּליצירטער ענין און דעריבער מאַכט דעם דאָזיקן געביט נאָך מער וויכטיקער און יעדער אויפטו איז גאָר אָנגעלייגט.

און נאָך אַ פּרט, און טאַקע אַ גאָר וואָגיקער, טיילט אויס די לאַגע ביי אונדז אויפן דאָזיקן געביט פון דער לאַגע ביי אַנדערע פעלקער. ביי די אומות־העולם עקסיסטירן סטאַבילע מלוכהשע ביבליאָגראַפישע צענטראַלעס, וואָס רעגיסטרירן פּינקטלעך און גרינטלעך זייער גאַנצע דרוק־פּראָדוקציע. נישטאָ היינט קיין שום ציוויליזירט לאַנד ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט וואָס איר ביבליאָגראַפישער צענטער זאָל נישט שטיין אין די חשובסטע פלעצער, צוגלייך מיט די אַנדערע אַקאַדעמיעס און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן אין געגעבענעם לאַנד. צום דינסט פון די דאָזיקע אָפיציעלע ביבליאָגראַפישע רעגיסטריר־ און אָפּקלייב־צענטערס שטייט אַ רייע תקנות און געזעצן — ראשית די פאַראָרדע־נונג צוצושיקן צוואַנגס־עקזעמפּלאַרן צום ביבליאָגראַפישן צענטער פון אַלץ וואָס עס דערשיינט פון אונטער דער דרוקפּרעס. אין טייל לענדער איז די דאָזיקע זאַך אַזוי פערפעקציאָנירט, אַז שוין אויפן בוך, אָדער פעריאָדישע אויסגאַבע ווערט אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ אָפּגעדרוקט דער ביבליאָגראַפישער סימן, די סיגנאַטור, צו וואָס פאַר אַ ביבליאָגראַפישער גרופּע דאָס בוך אָדער זשורנאַל געהערט, דאָס רוב נאָך דער דעצימאַלער סיסטעם.

ביי אונדז, דעם עם־הספר, איז עד־היום נישטאָ דער ביבליאָגראַפישער צענטער, וואוהין מ׳זאָל שיקן צוואַנגס־עקזעמפּלאַרן. עס געפינען זיך דאָ אָדער דאָרטן וואָלונטערע פונקטן, מיט פּריוואַטע זאַמלערס, וואָס קלייבן, רעגיסטרירן, קלאַסיפיצירן און פאַרעפנטלעכן, פון צייט צו צייט, ביבליאָגראַפישע רשימות.

דעם זעלבן גורל ווי די ביבליאָגראַפיע האָט אויך די יידישע ביבליאָפיליע, ריכטיקער די לערע וועגן בוך, זיין געשיכטע און ראשית די געשיכטע פון זיין וואַרשטאַט און לאַבאַראַטאָריע — דאָס יידישע דרוקעריי־וועזן.

ביי די אומות־העולם האָבן זיך זייערע דרוקערייען געפונען אויף אַ באַשטימטן און במילא געאָגראַפיש באַגרענעצטן, שטח. עס זענען געווען אויסנאַמען ווען ביכער אָדער צייטשריפטן פון אַ פאָלק האָבן זיך געדרוקט מחוץ זייער עטנישער גרענעץ. לרוב איז עס געווען פון לענדער, וואו עס איז נישט געווען קיין פרייהייט פון דרוק און וואָרט; דאָס האָבן געטאָן פאַריאָגטע אָדער אַנטלאָפענע צוליב רעפרעסיעס יחידים און גרופן. די רוסיש־פוילישע פאָליטישע עמיגראַציע פאַר דער צייט פון דער צאַרישער הערשאַפט. די דייטש־עסטרייכישע פאָליטישע עמיגראַנטן אָדער פליטים בימי היטלער און די איצטיקע עמיגראַנטישע גרופן, אַנטלאָפענע פון הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג, זענען גוטע ביישפילן פון דעם.

אונדזער יידישע דרוקעריי־„טעריטאָריע" איז די גאַנצע וועלט נישטאָ קיין פונקט אויף אונדזער פלאַנעט, וואוהין מיר זאָלן נישט פאַרוואָגלט ווערן און וואו עס זאָלן נישט דערשיינען ביכער אָדער צייטשריפטן מיט אונדזערע אותיות־מרובעות, אָדער ביכער אויף די שבעים און מער לשונות פון אונדז אָדער וועגן אונדז.

אַ פאָר ביישפילן:

דער „תלמוד" איז, פון זיין ערשטער אויסגאַבע אין סאָנטשינאָ (איטאַליע) אין יאָר רמ"ד (1488) ביז דער נייסטער אויסגאַבע אין ירושלים אין יאָר תשי"ג (1953), געדרוקט געוואָרן אין קרוב 100 (הונדערט) ערטער.[2]

נעמען מיר, למשל, די ערשטע (כראָנאָלאָגיש געגאַנגען) פופצן שטעט, וואו דער תלמוד איז געדרוקט געוואָרן און מיר האָבן אַזאַ מין רשימה:

סאָנטשינא (איטאַליע); טאָלעדאָ (שפאַניע); פאָראַ (פאָרטוגאַל); סאַלאָניקי (גריכנלאַנד); ווענעדיק (איטאַליע); סאָביאַניטאָ (פאָרטוגאַל); לובלין (פוילן); קאָנסטאַנטינאָפאָל (טערקיי); באַזעל (שווייץ); קראָקע (פוילן); קורודזשעסמאַ (אַ דאָרף ביי קאָנסטאַנטינאָפל); אַמשטערדאַם (האָלאַנד); זולצבאַך (דייטשלאַנד); פראַנקפורט ד'אָדער (דייטשלאַנד); האַללע (דייטשלאַנד).

אָפגעשטעלט האָבן מיר זיך ביי דער פופצנטער דרוקעריי מיט דער תלמוד־אויסגאַבע פון יאָר תע"ב (1712), און עס שטייען נאָך אין דער ריי נאָך 80 (אַכציק!) שטעט פון די וויטערדיקע 250 יאָר, וואו דער תלמוד האָט זיך געדרוקט.

אַ צווייטער ביישפיל, ער האָט אויך אַ שייכות צום תלמוד. צו דער ערשטער מסכתא „ברכות" זענען פאַראַן 294 פירושים. די דאָזיקע פירושים זענען געדרוקט געוואָרן אין העכער 70 דרוקערייען פון 22 לענדער.[3]

---

[2] רפאל נתן נטע רבינוביץ — „מאמר על הדפסת התלמוד" — תולדות הדפסת התלמוד, הובא לבית הדפוס עם תיקונים, השלמות ומפתחות על ידי א. מ. הברמן; הוצאת מוסד הרב קוק שעל יד המזרחי העולמי, ירושלים תשי"ב.

[3] הרב ראובן מרגליות — „מפרשי תלמוד בבלי" הנמצאים בספרים ע"ש הרמב"ם בתל־אביב, מסכת ברכות. אין „הספר", שנה א' קונטרוס א' ירושלים, אייר תשי"ד. זייטן 10—17.

אַ דריטער ביישפּיל: י. ל. פּרצעס ווערק זענען געדרוקט געוואָרן אין העכער 150 ערטער. דאָ רעדט זיך וועגן פּרצן אין אונדזערע אותיות מרובעות — יידיש, העברעאיש און לאַדינאָ, און וואו איז פּרץ אין די אַנדערע לשונות?

די יידישע ביבליאָגראַפיע, ווי בכלל די רשימות, פון יידישע ספרים און ביכער און די כראָניק וועגן זייערע דרוק־ערטער זענען מער ווי ביבליאָגראַפישע און ביבליאָפילישע נאָטיצן. מיר האָבן דאָ דעם וויכטיקסטן מקור צו דערלערנען די געשיכטע פון יידישן צעזייט־און־צעשפּרייטן וועלט־פאָלק; דעם אייביקן וואַנדערער, וואָס פון אַלע צייטן און אַלע צעשפּרייטקייטן בלייבן די איינציקע דאָקומענטן — די ביכער, די ספרים, פריער געשריבענע, שפּעטער געדרוקטע גייסט־שאַפונגען. די ביבליאָגראַפיע שטעלט אָבער צו ניט נאָר די גייסטיקע געשיכטע פון יידישן פאָלק נאָר איז איינע פון די יסודות, פאַר דער גרויסן בנין פון דער וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק.

קריסטן די ערשטע ביבליאָגראַפן ביי יידן

איך האָב זיך גאָר קורץ פאַרהאַלטן אויף דער ספּעציפישקייט און וויכטיקייט פון ביבליאָגראַפיע ביי יידן און די פאַרבונדענע מיט דעם שוועריקייטן. דאַרף מען טאַקע אַ בליק טאָן ווי זעט עס אויס ביי אונדז אויף דעם געביט בכלל — אויף דער געשיכטע, אויפטוען און היינטיקן צושטאַנד פון ביבליאָגראַפיע ביי יידן.

וועלן מיר גלייך פון אָנהייב פעסשטעלן דעם גאָר אויסטערלישן פאַקט, אַז די גרונטלייגער פון יידישער ביבליאָגראַפיע זענען געווען ניט קיין יידן. דאָ פּאַסט זיך אַריין דער אַלט־יידישער שפּריכוואָרט: „זכה נעשית מלאכתו בידי אחרים — ווער עס האָט אַ זכיה ווערט זיין אַרבעט געמאַכט דורך פרעמדע. אין דעם פאַל וויל איך ניט זאָגן, אַז דאָס איז טאַקע אַזאַ זכיה, אָבער אין אונדזער פאַל איז עס אַ פאַקט.

מיר האָבן ביים אָנהייב שוין דערמאָנט דעם שווייצאַרישן ביבליאָגראַף קאָנראַד געסנער, וועמען די וועלט האָט, און מיט רעכט, געקרוינט מיטן נאָמען „דער טאַטע פון דער ביבליאָגראַפיע". דער דאָזיקער פּיאָנער האָט טאַקע אין זיין דריי בענדיק ווערק „ביבליאָטעקאַ אוניווערסאַליס", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1545 א"וו אַריינגענומען די אין יענער צייט באַקאַנטע ביכער אין גריכיש און לאַטיין און די ספרים אין העברעאיש.

ווייטערדיקע גרונטלייגער פון דער יידישער ביבליאָגראַפיע זענען אויך געווען קריסטן, דאָס זענען יאָהאַן בוקסטאָרף דער „פאָטער" אָדער דער „עלטסטער" און דזשוליאָ באַרטאָלאָטשי.

אויף די דאָזיקע ראשונים פון יידישער ביבליאָגראַפיע דאַרף מען זיך אַ ביסל גענויער אָפּשטעלן.

דער ערשטער קריסטלעכער געלערנטער, וועלכער דאַרף פאַררעכנט ווערן

צו די פּיאָנערן פון דער יידישער ביבליאָגראַפיע איז געווען יאָהאַן בוקסטאָרף (דער „טאַטע", אָדער דער „עלטסטער").[4]

יאָהאַן בוקסטאָרף איז געבוירן געוואָרן דעם 25סטן דעצעמבער, 1564, אין שטעטל קאַמען (וועסטפאַלן, דייטשלאַנד) און געשטאָרבן דעם 13טן סעפּטעמבער, 1629, אין באַזעל. ער האָט שטודירט אין די אוניווערסיטעטן פון מאַרבורג און בערגערן. זיין שטודיע־געביט איז געווען דער תנ"ך, העברעאיש, שפּעטער אויך דער תלמוד און די תרגומים. אין יאָר 1591 נעמט ער איבער די קאַטעדרע פון העברעאיש אין דעם באַזעלער אוניווערסיטעט. ער האָט געהערט צו די בעסטע תנ"ך־ און העברעאיש־קענער אין דער קריסטלעכער וועלט. צוליב זיינע קענטענישן און פאַראינטערעסירונגען אין די דאָזיקע געביטן, האָט ער איינגעשאַפן אַ גאָר גרויסע ביבליאָטעק פון ספרים און ביכער. ער איז דער מחבר פון אַ גאַנצע ריי וויכטיקע ביכער אויף דעם געביט. וואָס עס האָט אָבער אַ שייכות צו יידישע ביבליאָגראַפיע איז זיין „ביבליאָטעקאַ ראַביניקאַ".[5] אַגב האָט דער זעלביקער יאָהאַן בוקסטאָרף אַרויסגעגעבן אַ העברעאישע גראַמאַטיק[6] וואו עס איז אויך פאַראַן אַ קורצע גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך.

בוקסטאָרפס ביבליאָגראַפישע אַרבעט איז דער ערשטער וויסנשאַפטלעך־פאַרלאָזלעכער האַנטבוך פון דער רבנישער ליטעראַטור.

באַרטאָלאָטשי דזשוליאָ, אַן איטאַליענישער פאָרשער פון דער העברעאישער שפּראַך, איז געבוירן געוואָרן אין טשעללענאַ, דעם 1טן אַפּריל 1613, געשטאָרבן דעם 19טן אָקטאָבער 1687. ער איז געווען אַ תלמיד פון דעם משומד דזשיאָוואַני באַפּטיסטאַ (אָדער באַטיסטאַ).[7] וועלכער האָט אים געלערנט די העברעאישע שפּראַך.

---

[4] כדי ניט פאַרבייטן אים מיט נאָך צוויי יאָהאַן בוקסטאָרפס זיין זון — געבוירן אין באַזעל אין יאָר 1599, באַצייכנט ווי יאָהאַן בוקסטאָרף „דער זון" אָדער „דער צווייטער" און זיין פּלימעניק — געבוירן 1663, וועלכן מ'האָט באַצייכנט יאָהאַן בוקסטאָרף „דער דריטער". — אויך די צוויי זענען געווען געלערנטע וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט העברעאיש און אויפן זעלביקן געביט — ביבליאָגראַפיע.

[5] *Bibliotbeca rabbinica, ordine alphabetico disposita*... Basilaae 1613.

[6] Thesaurus Grammatious Lingueae Sanctae Hebraeae, 1609.

[7] באַפּטיסטאַ דזשיאָוואַני דזשיאָנאַ גאַלילעאָ (וועמענס יידישער נאָמען עס איז געווען יהודה־יונה בן יצחק). ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1588 אין צפת און געשטאָרבן אין 1668 (לויט אַן אַנדער מקור אין 1671). נאָך זיינע נסיעות, ווי אַ יידישער מלומד איבער איטאַליע און פּוילן איז ער אויפגענומען געוואָרן ווי אַ דיין אין האַמבורג, דייטשלאַנד. אין יאָר 1695 געפינט ער זיך אין וואַרשע, וואו ער האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן. פון פּוילן ווערט ער פאַרטריבן. אין 1638 באַזעצט ער זיך אין איטאַליע, וואו ער איז פאַרבליבן ביז זיין טויט. ער ווערט פּראָפעסאָר פון דער העברעאישער שפּראַך אויף דעם אוניווערסיטעט אין פּיסאָ, שפּעטער (פון 1652) אין רוים און צום סוף איז ער ביבליאָטעקאַר פון דער וואַטיקאַן־ביבליאָטעק אין רוים. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי ווערק, צווישן אַנדערע איבערגעזעצט די עוואַנגעליע אין העברעאיש, וואָס ער האָט געווידמעט דעם פּויפּסט קלימענטי דעם 9טן.

IOANNIS BUXTORFII
DE
ABBREVIATURIS
HEBRAICIS
LIBER NOVUS ET COPIOSUS.
CUI ACCESSERUNT
OPERIS TALMUDICI
BREVIS RECENSIO,
Eiusdemque Librorum & Capitum
INDEX:
ITEM
BIBLIOTHECA
RABBINICA
ORDINE ALPHABETICO DISPOSITA,
CUM ADPENDICE EIDEM
INSERTA.
EDITIONE HAC NOVISSIMA
Omnia Caſtigatiora, luculentis Ad-
notationibus inluſtrata, & novis Abbre-
viaturis Librorumque Titulis
aucta.
) o (
HERBORNAE NASSAVIAE,
STANNO ET SUMTIBUS
IOAN. NICOLAI ANDREAE,
ANNO M. DCC. VIII.

574387

דאָס שער־בלאַט פון יאָהאַן בוקסטאָרפס בוך מיט דער ייִדישער ביבליאָגראַפיע.
(דאָס בוך געפינט זיך אין ייוואָ־ביבליאָטעק)

נאָכן פֿאַרענדיקן די סעמיטאָלאָגישע שטודיע איז באַרטאָלאָטשי אַריינ־געטראָטן אין מאָנאַכן־אָרדן. אַ דאַנק זיינע העברעאיש־קענטענישן און די גאַר גרויסע ידיעות אין דער רבנישער ליטעראַטור ווערט באַרטאָלאָטשי אין 1657 באַשטימט פֿאַר פּראָפֿעסאָר אין רוימישן „קאָלעגיום נעאָפּיטאַריום" און ווי ביבליאָטעקאַר אין דעם גרויסן ביכער־אוצר פֿון וואַטיקאַן. דאָ, אין דער וואַטיקאַן־ביבליאָטעק, אַרבעט ער צוזאַמען מיט באַפּטיסטאַן און ער ספּעציאַליזירט זיך אין ביבליאָגראַפֿיע פֿון די העברעאישע ביכער און מאַנו־סקריפּטן. אין יאָר 1675 טרעט צו באַרטאָלאָטשי אַרויסצוגעבן זיין ביבליאָ־גראַפֿיש ווערק פֿון יידישע מחברים און זייערע ספרים, וואָס הייסט אין לאַטיין: "Biblioteka magna Rablinica" און האָט אויך אַ העברעאישן טיטל: „קרית ספר", מיטן אונטערטיטל:

והוא חבור גדול שבו נכללו כל ספרי היהודים. חברו ויסדו חכם הכולל דון יוליוס ברטולקי אבא מחברת הקדושה צוסטירציאַנצי".

וואָס דאָס מיינט: עס איז אַ גרויס ווערק, וואָס אין אים זענען פֿאַרשריבן אַלע יידישע ביכער, וואָס עס האָט מחבר געווען דער חכם דאָן יוליוס באַר־טאָלאָטשי, אַן אַפּט (פֿאָטער) פֿון דעם הייליקן אָרדן ציסטירציאַנער".

יאָהאַן בוקסטאָרף
(1629—1564)

דזשוליאָ באַרטאָלאָטשי
(1687—1613)

פֿון דעם ווערק זענען דערשינען אין משך פֿון קרוב 20 יאָר (1693—1675) 4 בענד. דריי בענד זענען דערשינען פֿון באַרטאָלאָטשין גופֿא, דעם פֿערטן באַנד האָט אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט זיין תּלמיד קאַראָל דזשוזעפּע אימבאָנאַ־

קרית ספר

והוא חבור גדול שבו נכתבו כל ספרי היהודים חברו ויסדו חכם
הכולל ברורו דון יוליוס ברטולוקי אבא מחברת
הקרושה ציסטירציאינצי :

BIBLIOTHECA MAGNA RABBINICA

De Scriptoribus, & scriptis Hebraicis, ordine Alphabetico
Hebraicè, & Latinè digestis.

PARS PRIMA.

Tres primas Alphabeti literas complectens א׳ ב׳ ג׳

*In qua complures identidem interseruntur dissertationes, & digressiones, quarum
Elenchus habetur post Præfationem ad Lectorem.*

Cum Indice rerum, nominum, & locorum Sacræ Scripturæ locupletissimo.

A V C T O R E

D. IVLIO BARTOLOCCIO DE CELLENO

Congregat. S. Bernardi Ref. Ord. Cistercien. & S. Sebastiani ad Catacumbas Abbate.

ואם לא עכשיו אימתי : פרקי אבות א׳

Et si non modo, ecquando? Cap. Patrum Cap. 1.

Πάντα δοκιμάζοντες, τὸ καλὸν κατέχετε. Πρὸς Θεσσαλ. Κεφάλ. έ.

Omnia probate: quod bonum est tenete. 1. Thessal. 5.

ROMÆ; Ex Typographia Sacræ Congregationis de Propaganda Fide.
Anno Iubilei MDCLXXV.

SVPERIORVM PERMISSV.

דאָס שער־בלאַט פון יוליוס באַרטאָלאָטשיס ביבליאָגראַפיש ווערק „קרית ספר״, דערשינען אין רוים, 1675, געפינט זיך אין דער ייוואָ־ביבליאָטעק.

טי. אין די פיר בענד האָט באַרטאָלאָטשי אַריינגענומען נאָר יידישע מחברים און זייערע ספרים אָדער מאַנוסקריפּטן. דער דערמאָנטער אימבאָנאַטי האָט צום ווערק פון זיין לערער צוגעגעבן אַ פינפטן באַנד מיטן נאָמען:

"Biblioteka Latina hebraica"

דערשינען אין רוים, 1694, וואו ער האָט געבראַכט די מחברים ניט־יידן, וועלכע האָבן געשריבן וועגן די יידן און זייערע פּראָבלעמען, אָנגעבנדיק די נעמען פון די ווערק.

די דאָזיקע אַרבעט פון דעם קריסטלעכן טעאָלאָג איז פאַקטיש דער ערשטער פּרואוו פון אַן אַלזייטיקער יידישער ביבליאָגראַפיע פון יידישער גייסטיקער שאַפונג ביז יענער צייט, ווען די אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן.

אין דעם ווערק ווערן אויסגערעכנט אַלע מחברים און אַלע געדרוקטע ביכער ווי כתב־ידן פון יידן און וועגן יידן. עס ווערט אָנגעגעבן דאָס אָרט און יאָר פון דרוק; אויב עס איז אַ כתב־יד, ווערט אָנגעגעבן וואו דער כתב־יד געפינט זיך. ווי אַ מוסטער ברענגען מיר טאַקע די טיטל־זייט פון ערשטן באַנד און די ערשטע זייטן פון ווערק.[8]

די אַרבעטן פון די דערמאָנט צוויי קריסטלעכע ביבליאָגראַפן האָבן אין אַ געוויסע מאָס געדינט וועגוויזעריש פאַר די ערשטע יידישע ביבליאָגראַפן, וועלכע דערמאָנען טאַקע די ווערק פון באַרטאָלאָטשי און בוקסטאָרף.

רעדט מען וועגן ניט־יידן, וועלכע האָבן פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ביבליאָגראַפיע דאַרף מען אויך דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם איטאַליענישן קריסטלעכן העברעאיסט דזשאָוואַני—בערנאַרדא דע־ראָסי (געבוירן אין 1842 אין קאַסטעלנואָווא, געשטאָרבן 1831 אין פּאַרמע). פון 1764 איז ער פּראָפעסאָר פון אָריענטאַלישע שפּראַכן אין פּאַרמער אוניווערסיטעט. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען די פאָרשונג פון תנ״ך און ער האָט אָנגעקליבן אַ זייער גרויסע קאָלעקציע מיט ביכער, ספרים און מאַנוסקריפּטן, צווישן זיי העברעאישע און אויך אין יידיש.

ער גיט זיך אָפּ מיט צונויפשטעלן אַ ריי ביבליאָגראַפיעס וועגן יידישע ביכער און דרוקערייען.

בכלל האָט ער צונויפגעשטעלט העכער 15 גאָר וויכטיקע ביבליאָגראַ־פיעס בעיקר פאַר דער געשיכטע פון יידישן דרוק וועזן.

ד״ר מאַקס וויינרייך האָט אַ גאָר פּרטימדיקע שטודיע־עסיי אין זיין בוך „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור געשיכטע" (ווילנע 1928). דאָס איז דאָס קאַפּיטל 6 „די אוצרות פון פּאַרמע" (זייטן 112—138). מיר האָבן דאָרטן סיי אַ שילדערונג פון דע־ראָסי, סיי אַ באַשרייבונג פון די ראָסי־זאַמלונגען אין פּאַרמע.

---

[8] אין דער ביבליאָטעק פון ייוואָ אין ניו־יאָרק געפינען זיך אַלע 5 בענד פון דעם דאָזיקן ווערק.

בסייעתא דשמיא נתחיל
שמות כל רבנים
וחבוריהם על סדר אלפא ביתא:

SCRIPTORES
ET SCRIPTA
RABBINICA
SECVNDVM ALPHABETVM HEBRAICVM
DIGESTA.

א

אבא חבר ביאור על המלות קשות וזרות אשר בתלמוד: נדפס בקראקא שנת ש'ג' לפ'ק':

1 ABBA' scripsit *Vocabularium* Dictionum difficiliorum, quæ in Talmud reperiuntur. Excusum Cracouiæ anno à Mundi exordio secundùm Hebræos ש'ג' 303. min. supputationis, qui est à Natiuitate Domini 1543. In folio.

רבי אבא חבר פירוש על בראשית ואלה שמות רבה והוא כתיבת יד: עיין ר' אברהם בן אשר:

2 Rabbi ABBA', an sit idem cum superiore ignoratur. Scripsit פירוש *Pirùsc*, id est *Commentarium super primos duos libros Rabbòth*, id est *Super Genesim* & *Exodum*. Extat msc. Romæ in Biblioth. Collegij Neophyt. in 4. Papyr.

Venetijs prodijt *Commentarius in Rabbòth*, cui est præfixus tit. אור השכל *Or hasséchel*, id est *Lux intellectus*, & est Auctoris א'ב'א *Abbà*, sed istud est nomen contractum ex initialibus literis nominis Auctoris, qui est א'ברהם ב'ן א'שר *Abraham Ben Asser*. Vide infra sub hoc nomine.

ג' **ר' אבא מרי בר משה** חבר ספר מנחת קנאות והם אגרות אשר שלח אל ר' שלמה בן אדרת ואל רבנים אחרים: כ'י' נמצא בבית הקהילה הגרים המשומדים ברומא:

3 R. ABBA' MARI' BAR MOSIS

דאָס ערשטע בלאַט פון באַרטאָלאָטשיס „קרית ספר״.

קומען מיר צו דעם אָנהייב צום בראשית פון יידישער ביבליאָגראַפיע, געשאַפן דורך יידן.

שבתי בס

ווי דער פּיאָנער פון יידישער ביבליאָגראַפיע ווערט פאַררעכנט שבתי בס (באַס). דער מחבר פון ערשטן העברעאישן ביבליאָגראַפישן ספר „שפתי ישנים", וואָס איז דערשינען אין אַמשטערדאַם אין יאָר 1680. איידער מיר קומען צום דערמאָנען ביבליאָגראַפישן ערשטלינג ביי יידן וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דער גאָר אינטערעסאַנטער ביאָגראַפיע פון דעם מחבר פון „שפתי ישנים".

אויפן שער־בלאַט פון „שפתי־ישנים" ווערט ער אָנגעגעבן ווי שבתי משורר בס מפראַג. עס ווערט דערביי צוגעגעבן זיין יחוס, אַז ער איז דער ברודער פון באַרימטן הרב ר' אא"וו יעקב שטרימרש, וועלכע זענען די זין פון דעם מאַרטירער (הקדוש) ר' יוסף. אויך אין די הסכמות פון די דעמאָלדיקע גדולים און רבנים ווערט שטאַרק אַרויסגעבראַכט דער דאָזיקער יחוס. זיין ביאָגראַפיע, איז אַ לאַנגע קייט פון נע־ונד און פאַרשידענע גילגולים.

דער מחבר פון „שפתי ישנים" איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1641 אין קאַליש, (געשטאָרבן אין 1718 אין קראָטאָשין). זיין פאָטער, יוסף, איז אומגעקומען אין קאַליש אין יאָר 1655 בעת דאָרטיקע בלוטיקע שחיטות איבער די יידן. עס זענען דאַן אומגעקומען 600 משפחות. שבתי האָט זיך טאַקע גערופן בן הקדוש יוסף. אין יאָר 1655 קומט שבתי ווי אַ 14 יאָריקער יינגל קיין פראַג. האָבנדיק אַ גאָר פיינע שטימע (אַ באַס) זינגט ער ווי אַ משורר אין דעם כאָר פון דער באַרימטער „אַלט־ניי"־שול אין פראַגע.[9] אין דער פרייער צייט האָט ער זיך פאַרנומען מיט ליטעראַרישע פאָרשונגען.

אין יאָר 1669 האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט אַרויסגעבן אַ צווייטע אויפלאַגע פון דעם „באר משה", דער יידיש גלאָסאַר (ווערטערבוך) אויף חומש פון משה שערטלש,[10] וואָס איז דאָרטן דערשינען מיט זיינעם אַן אַריינפיר.

---

[9] פון דאַנען שטאַמט טאַקע זיין פאַמיליע נאָמען בס (באַס). ער באַצייכנט זיך אויפן „שפתי ישנים" שבתי משורר בס מפראַג. די קריסטלעכע ביאָגראַפן באַצייכענען אים מיטן פאַמיליע נאָמען באַסיסטאַ.

[10] דער ספר „באר משה", איז דערשינען צום ערשטן מאָל אין פראַג אין יאָר 1605, דער דאָזיקער ספר „באר משה" וועלכער איז אַ ווערטער־בוך, ריכטיקער אַ פאַר טייטש־בוך אין יידיש פון אַלע שווערערע ווערטער אין חומש און די מגילות איז געווען דער ערשטער יידישער דידאַקטישער האַנטבוך פאַר די מלמדים. אין אַלטע קהילות־תקנות איז טאַקע פאַראַן אַ פאַרלאַנג אַז די מלמדים זאָלן ביים פאַרטייטשן דעם חומש־טעקסט נוצן דעם נוסח פון „באר משה". דער זעלבער משה שערטלס האָט פאַרפאַסט אַ צווייטן ספר „לקח טוב" וואָס איז אַ יידיש־גלאָסאַר פאַר די נביאים און כתובים. דערשינען אין פראַג אין 1604.

פון 1674 ביז 1679 — פינף יאָר — וואַנדערט שבתי בס איבער פוילן, דייטשלאַנד און האָלאַנד, וואו ער בלייבט אַ לענגערע צייט. האָלאַנד איז אַ וויכטיקער יידישער קולטור־צענטער. אין 1679 באַזעצט ער זיך טאַקע אין אַמסטערדאַם, וואו ער גיט זיך איינגאַנצן אָפּ דער ליטעראַרישער טעטיקייט.

זיין ערשטע מיטאַרבעט איז געווען אַרום דעם תנ״ך אין יידיש, וואָס איז דאַן דערשינען (1679) אין אַמסטערדאַם איבערגעזעצט פון יוסף וויצענהויזן. שבתי בס האָט זיך באַטייליקט ווי דער קאָרעקטאָר פון דער דאָזיקער, פאַר דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון יידיש וויכטיקער אויסגאַבע.

אין 1680 גיט ער אַרויס אין אַמסטערדאַם זיין ספר אויף דעם חומש און מגילות „שפתי חכמים״, וואו ער טייטש אויס די פירושים פון רש״י.

אין זעלביקן יאָר גיט ער דאָרטן אַרויס די „מסכת דרך ארץ״ אין יידיש. עס איז דער ערשטער פון דעם מין ביי יידן וועלט רייזע־בוך, וואו ער באַשרייבט אַ ריי לענדער; גיט אָן די פאַרשידענע מאָסן, וואָגן און וואַלוטע אין די לענדער דער מרחק — ווי וויט עס ליגן געוויסע גרויסע שטעט איינע פון די צווייטע.

דאָ טאַקע, אין אַמסטערדאַם, אין יאָר 1680, דערשיינט זיין הויפּטווערק דער „שפתי ישנים״, וואָס איז פאַררעכנט, און מיט רעכט, ווי דאָס ערשטע ביבליאָגראַפישע ווערק ביי יידן.

פון זיין נאָכוואָרט צו „שפתי ישינים״ ווייסן מיר, אַז שוין אין פּראַג האָט ער געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן אַזאַ ווערק. אין אַמסטערדאַם האָט ער עס רעאַליזירט. דאָ האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן די גרויסע ביבליאָטעק פון משה רפאל דע־אַגולאַראַ, איינער פון די פירער פון דער אַמסטערדאַמער ספרדישער קהילה.

שבתי בס האָט אין זיין אַרבעט אַריינגענומען ביז 2400 ספרים און ביכער. פון זיי 2200 העברעאיקאַ (מיט יידישע אותיות). און 160 יודאַאיקאַ (פרעמדשפּראַכיקע בעיקר לאַטיין). ער האָט זיין פונדאַמענטאַל ביבליאָגראַפיש ווערק געבויט אויף אַ זייער וויסנשאַפטלעכן אופן. אין דעם ערשטן טייל זיינען פאַרעפנטלעכט די ספרים אין סדר פון אַלף־בית. אין דעם צווייטן טייל גייען די מחברים אין זעלביקן סדר. צום סוף, אין אַ טייל, „שער החיצון״ ברייגנט ער די פרעמדשפּראַכיקע, אָדער געמישטע ביכער וואָס האָבן אַ שייכות צו יידן. אַגב האָט ער שוין געניצט סימנים, וואָס זענען היינט אָנגענומען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָגראַפיע, אַזוי האָט ער מיט אַ שטערנדל באַצייכנט די ניט־יידישע מחברים פון דאָזיקן „שער החיצון״.

אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט שבתי בס אַריינגענומען אַלע ספרים און ביכער אין יידיש, וואָס זענען ביז דאַן דערשינען, וואָס ער האָט געוואוסט. קרוב הונדערט טיטלען טיילט ער אויס אין אינדעקס אין אַ באַזונדער טייל: „ספרים הנדפסים בלשון אַשכנז״.

אין דעם „שפתי ישינים״ ווערן געבראַכט ניט נאָר געדרוקטע ספרים נאָר אויך מאַנוסקריפּטן. דערביי גיט אָן דער מחבר, וואו, אין וועלכע ביבליאָטעקן

ספר
שפתי ישנים
לפני נערים וזקנים·
חכמים ונבונים· אלופים וגאונים:
אשר אוה וכסף· טרח יגע ואסף: היקר והנעלה
בשיר שבח ותהלה: ה"ה כהר"ר שבתי
משורר בס מפראג יצ"ו:
אחיו של החסיד המקובל ומופלג בדורו· כשמש יזרח אורו·
וכבוד זיוו והדרו· ה"ה כמהור"ר יעקב שטרימרש נר"ו·
בני הקדוש מהור"ר יוסף הי"ד· ואחת היא שאלתו ואותה
הוא יבקש· מאת כל איש אשר על דלתות הספר ינקש:
יקרא בראשונה ההקדמה כלה· ויראה תועליות הספר
יקרים מכל אבני סגלה:·

באמשטירדאם

בדפוס המשובח של הגביר
דוד תארתאס יצ"ו ובביתו
בשנת תחי ירן לעוני לפ"ק:

דאָס שער־בלאַט פון דער ערשטער אויסגאַבע פון שבתי בס „שפתי ישנים", געדרוקט
אין אַמסטערדאַם, אין 1680.

דער געגעבענער כתב־יד געפינט זיך (רוים, ווין, ליידען א״אַ). עס איז אויך קלאָר, אַז דעם מחבר זיינען געווען באַקאַנט די פריערדיקע ניט־יידישע ביבליאָגראַפן בוקסטאָרף, באַרטאָלאָטשי, א״אַ. ער ברענגט זייערע ביכער אין זיין „שער החיצון״.

דער ספר „שפתי ישנים״ האָט זיך גלייך אָנגענומען ביי דער ניט־יידישער וויסנשאַפטלעכער וועלט און די קריסטלעכע אָריענטאַליסטן זענען צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן איבערזעצונגען פון דעם ספר אין לאַטיין און אין דייטש.

אין יאָר 1681 האָט דער אָריענטאַליסט גוסטאַוו פעריגער צוגעגרייט (ביי דער הילף פון שבתי בסן גופא) אַ לאַטיינישע איבערזעצונג פון דעם „שפתי ישינים״. דער טויט פון פעריגערן האָט די דאָזיקע אַרבעט איבערגעריסן.

שבתי בס׳ס ערשטער יידישער ביבליאָגראַפישער ספר איז געוואָרן דער יסוד פון דעם באַרימטן ביבליאָגראַפישן ווערק פון דעם קריסטלעכן ביבליאָגראַף יאָהאַן כריסטאָף וואָלף, „ביבליאָטעקאַ העברעאַ״, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן טאַקע אויפן סמך פון אַ קאָמבינירטער אויסנוצונג פון די ביבליאָגראַפישע ביכער פון באַרטאָלאָטשי און שבתי בס.[11]

די ווייטערדיקע געשיכטע פון דעם ערשטן יידישן ביבליאָגראַף שבתי בס איז נאָך פול מיט אַ ריי גאָר וויכטיקע פרטים, וואָס זענען אויך אין געוויסע מאָמענטן שפּאַנענדיק.

שבתי בס האָט זיך אין אַמסטערדאַם אויסגעלערנט די דרוק־מלאכה און האָט אָנגעהויבן זיך דערמיט באַשעפטיקן. אַזוי ווי די מערהייט אָפּנעמער פון די יידישע ספרים וואָס האָבן זיך געדרוקט אין אַמסטערדאַם אין פּראַג זענען געווען יידן פון פּוילן און ליטע האָט ער פאַרטראַכט צו שאַפן אַ דרוקעריי אין אַן אָרט נאָענט צו דער פּוילישער גרענעץ. נאָך 4 יאָר אונטערהאַנדלען מיט דעם מאַגיסטראַט פון דער נידערשלעזישער שטאָט ברעסלוי האָט ער אין יאָר 1687 באַקומען אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ דרוקעריי אין שטעטל דיהערנפורט, אַ שטעטל ביי דעם טייך אָדער, וואָס איז ערשט אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1633. שבתי בס האָט אַהער געבראַכט העכער דרייסיק זעצער און דרוקער (זיי זענען טאַקע געוואָרן דער וויכטיקסטער טייל פון דער קהילה) און די דרוקעריי האָט לאַנג עקסיסטירט. אין יאָר 1711 האָט שבתי איבערגעגעבן די דרוקעריי צו זיין זון יוסף. די דאָזיקע דרוקעריי האָט נאָך געהערט צו דער משפחה ביזן יאָר 1762 און נאָכדעם אַריבער צו אַנדערע און האָט עקסיסטירט ביזן יאָר 1834.[12]

---

[11] Wolf, Johann Christoph-Bibliotheca Hebraea.
פיר בענד געדרוקט אין האַמבורג און לייפּציג אין די יאָרן 1715—1733.

[12] אַ גענויע געשיכטע פון דער דיהרנפורטער דרוקעריי האָט אָנגעשריבן דער היסטאָריקער פון די שלעזישע יידן מאַרקוס בראַון
Braun, Markus — "Geschichte and Annalaen der Dyhernfurter Drukerei". (in: Monatschrift fuer Geschichte und Wissenschaft des Judentums Vol. 40 1896, pp. 474—480, 515—526, 560—574).



אין זה כי אם בית אלהים וזה שער השמים

ספר

בית שמואל

על שלחן ערוך מאבן העזר

נדפס פה דיהרן פורט

שבתי משורר

Cum Licentia de Superiorum

תמט

דער ערשטער ספר וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דער געגרינדעטער דרוקעריי פון שבתי בס (דאָ פיגורירט ער ווי שבתי משורר) אין דיהרנפורט, אין יאָר תמ״ט — 1689.

צוליב דער דרוקעריי האָט שבתי בס געהאַט אויסצושטיין אַ היפש ביסל צרות. צוליב מסירות פון יעזואיטן ווערט אין יאָר 1712 שבתי צוזאַמען מיט זיין זון אַרעסטירט. זיי זענען באַשולדיקט געוואָרן, אַז אין די ביכער וואָס זיי דרוקן איז פאַראַן „גאָטס-לעסטערונג״ קעגן דער קריסטלעכער אמונה. צו 71 יאָר האָט דער זקן שבתי בס פאַרזוכט דעם טעם פון תפיסה. עס האָבן זיך אויפגעהיט די פראָטאָקאָלן פון די פאַרהערן און געריכט, זיי ווייזן ווי אַזוי

דער אַלטער שבתי בס האָט זיך ווירדיק געהאַלטן ביי דעם פּראָצעס, פון וועלכן ער איז אַרויס פריי.[13]

אַגב פאַרנעמט דיהרנפורט אין דער יידישער קולטור־געשיכטע אַ חשובן אָרט ניט נאָר מיט דער דרוקעריי וואָס האָט דאָרטן עקסיסטירט קרוב 150 יאָר. אין דער דרוקעריי איז דערשינען די ערשטע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבע מיט יידישע אותיות די ביבליאָגראַפיש־באַרימטע „דיהרנפורטער פריפילעגירטע צייטונג", וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1771—1772.[14]

שטאַרק פאַרקלענערטע רעפּראָדוקציע פון דער יידיש־דייטשישער צייטונג „דיהרנפורטער פריפילעגירטע צייטונג" פון יאָר 1772.

---

[13] וועגן שבתי בס אָנקלאַגע אַרעסט, און פּראָצעס איז דערשינען אַ ספּעציעלע אַרבעט: *R. Sabbathai Bassista und sein Prozess.* Nach Gedruckten und Ungedrukten Quallen. Von Dr. *Ludwig Ollsner,* Lehrer an der Israelitischen Gemeindeschule zu Gleiwitz. Leipzig, 1858.

[14] וועגן דער „דיהרנפורטער פריפילעגירטע צייטונג" זע: י. שאַצקי „געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע" אין אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן ג, ניו־יאָרק 1942, זז' 205—207.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט שבתי בס גאָר אינטענסיוו געאַרבעט אויף אַן אויסגעברייטערטער אויסגאַבע פון זיין ביבליאָגראַפישן ווערק. ער האָט עס אָבער שוין ניט געקענט פאַרווירקלעכן.

מיר האָבן זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף שבתי בס און זיין לעבנסגעשיכטע, ווייל ער איז געווען ניט נאָר דער ערשטער ביבליאָגראַף ביי יידן נאָר אויך צוליב זיין וויכטיקע ראָלע אין דער יידישער קולטור־געשיכטע בכלל.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט דעם קריסטלעכן ביבליאָגראַף וואָלף יאָהאַן קריסטאָף. זיינע 4 בענד טיילן זיך אויס מיט דעם, וואָס אויב אין די פריערדיקע ביבליאָגראַפיעס האָבן אַרומגענומען פריער פאַר אַלץ ראַביניקאַ האָט ער אין זיין אַרבעט שוין געגעבן אַ גאָר ברייטע גאַמע, ער האָט אַריינגענומען אַלע ווערק וואָס האָט אַ שייכות צו יידן, אויך אַנטי־יודאַיקאַ. אַגב דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז וואָלף האָט דעם מאַטעריאַל גענומען פון זיינע פאָרגייערס ביבליאָגראַפן, זיי קאָנטראָלירט און דערגאַנצט באַנוצנדיק זיך מיט גרויסע ביכער־זאַמלונגען, ער האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע די באַרימטע אָפּענהיימער ביבליאָטעק, וועלכע איז שפּעטער אַריין אין דער באַרימטער באַדלעיאַנאַ־ביבליאָטעק ביים אָקספאָרדער אוניווערסיטעט.[15]

רבנישע ביבליאָגראַפיעס

גייענדיק מיט אַ כראָנאָלאָגישן סדר דאַרף מען דערמאָנען וויטערדיקע צוויי רבנישע ביבליאָגראַפן, וועלכע יעדער האָט אויף זיין אופן און שטייגער צוגעגעבן וויטערדיקע צושטייערן צו דער יידישער ביבליאָגראַפיע. דאָס זענען:

א) ר׳ יחיאל בן שלמה היילפרין, מינסקער רב וואָס איז באַקאַנט מיט זיין ספר „סדר הדורות״ (געבוירן בערך 1660, געשטאָרבן 1746). דער דאָזיקער ספר האָט צוויי טיילן: דער ערשטער איז אַ כראָנאָלאָגישע רשימה פון די גדולים און חכמים ביי יידן און דער צווייטער טייל איז אַ ביבליאָגראַפיע מיטן נאָמען: „שמות בעלי מחברים וכל הספרים בערך א״ב מסודרים״.[16]

---

[15] די אָפּענהיימער ביבליאָטעק ציט איר יחוס פון 17טן יאָרהונדערט. עס האָט איר געשאַפן דער רייכער הויף־ייד פון ווין שמואל אָפּענהיימער. זי איז נאָכדעם אַריבער בירושה צו באַרימטן רב דוד אָפּענהיימער (געבוירן אין 1664 אין וואַרמס, געשטאָרבן 1736 אין פּראַג), וועלכער איז געווען דער לאַנד־רב פון מעהרן. די ביבליאָטעק איז נאָכדעם אַריבער צו יורשים וועלכע האָבן איר פאַר אַ שפּאָט־ביליקן פרייז פאַרקויפט קיין אָקספאָרד אין יאָר 1829. די אָפּענהיימער־ביבליאָטעק האָט געהאַט ביז 7000 ביכער און 1000 מאַנוסקריפּטן, אַלץ יקר־המציאותן. זי איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר 2080 פונט.

[16] די ערשטע אויסגאַבע פון „סדר הדורות״ איז דערשינען אין קאַרלסרוהע, דייטשלאַנד אין יאָר תקכ״ט (1769), עס איז נאָכדעם אַרויס אַ גאַנצע ריי מיט אויפלאַגעס (זשולקיעוו, קאָפּוסט, זשיטאָמיר, וואַרשע, בערלין, לעמבערג), וואו די נייע אַרויסגעבער האָבן מוסיף געווען נייע פּרטים.

ב) ר׳ חיים יוסף דוד אַזולאַי, גערופן פאַרקירצט חיד״א, (געבוירן אין ירושלים אין 1727, געשטאָרבן אין ליוואָרנאָ אין 1806). חיים יוסף דוד אַזולאַי איז געווען פון גאָר גרויסן רבנישן יחוס. ער איז געווען דער זעקסטער דור פון די פאַרטריבענע פון שפּאַניע רבנים. ער פלעגט אַרומפאָרן ווי אַ משולח פון ארץ־ישראל (פאַר די אָרעמלייט פון חברון) איבער אייראָפּע. ער האָט דריי מאָל געפאָרן און באַזוכט די יידישע ישובים אין איטאַליע, פראַנקרייך, דייטש־לאַנד ענגלאַנד און האָלאַנד. אומעטום האָט ער נאָטירט די ספרים וואָס ער האָט געפונען. באַזונדער האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקייט, צו באַקענען זיך מיט די גרויסע אוצרות פון דער מלוכהשער ביבליאָטעק אין פּאַריז, אַדאַנק דעם דעמאָלטיקן ביבליאָטעקאַר.

זיין ביאָ־ביבליאָגראַפישער ספר „שם הגדולים״ באַשטייט פון צוויי טיילן. דער ערשטער טייל „מערכת הגדולים״ נעמט אַרום בערך 1300 יידישע געלערנטע און מחברים. דער צווייטער טייל „מערכת הספרים״ ברענגט ביבליאָגראַפישע באַשרייבונגען פון קרוב 2000 העברעאישע געדרוקטע ספרים און מאַנוסקריפּטן. (די ערשטע אויפלאַגע פון „שם הגדולים״ איז דערשינען אין ליוואָרנאָ אין יאָר תקל״ד—1774).

די צוויי ספרים — דער „סדר הדורות״ און דער „שם הגדולים״ זענען געוואָרן אין אַ געוויסער הינזיכט אַ מאָדעל פאַר די שפּעטער דערשינענע פאַר־שידענע רבנישע ביאָ־ביבליאָגראַפישע לעקסיקאָנען און האַנט־ביכער.

⁂

אַן אמתער אויפשוואונג פון דער יידישער ביבליאָגראַפיע איז געקומען אין 19־טן יאָרהונדערט. דעם אייבנאָן פאַרנעמען דאָ דריי וויכטיקע ביבליאָגראַפן, וואָס יעדער האָט אויף זיין אָפּשניט און געביט אויפגעטאָן וויכטיקע אַרבעטן און צוזאַמען אויפגעבויט דעם יסוד פון דעם ביבליאָגראַפישן בנין ביי יידן. מיר מיינען דאָ: א. יוליוס פירשט; ב. מאָריץ שטיינשניידער און ג. יצחק אייזיק בן־יעקב, די וויכטיקסטע ביבליאָגראַפן פון דאָזיקן יאָרהונדערט.

1) יוליוש פירשט

יוליוש פירשט איז געבוירן געוואָרן דעם 12טן מאַי 1805 אין שטעטל זערקאָוו (פויזנער געגנט אין פּוילן) ביי זייער אָרעמע עלטערן, און געשטאָרבן דעם 9טן פעברואַר 1873. ער האָט שטודירט אין בערלין, ברעסלוי און האַללע. אין 1839 ווערט ער פּריוואַט־דאָצענט אין לייפּציקער אוניווערסיטעט. זיין פאָרשונג־אינטערעס איז די אַלט־יידישע קולטור־געשיכטע. ער איז דער מחבר פון אַ גרונטיקע שטודיע „די געשיכטע פון די קאַראַימער״ (3 בענד, דערשינען אין די יאָרן 1862—1867); אין די יאָרן 1857—1861 גיט ער אַרויס

זיין ווערק „צו דער געשיכטע פון העברעאישער לעקסיקאָגראַפיע (2 בענד); ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „אָריענט", אין דייטש, וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1840—1852. אין דער דאָזיקער צייטונג, ספּעציעל אין דער „ליטעראַרישער ביילאַגע" זיינען אין משך פון די 12 יאָר פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ גאָר גרויסע צאָל וויכטיקע קולטור־היסטאָרישע ליטעראַרישע פאָר־שונגען און ביבליאָגראַפישע שטודיעס. די קרוין פון זיינע פאָרשונגען און שאַפונגען זענען די דריי בענד פון זיין „ביבליאָטעקאַ יודאַיקאַ", וואָס זענען דערשינען אין לייפציק אין די יאָרן 1849—1863, דאָס הייסט אין משך פון פערצן יאָר.[17]

יוליוש פירשט
(1805—1873)

מאָריץ (משה) שטיינשניידער
(1816—1907)

2) מאָריץ (משה) שטיינשניידער

מ. שטיינשניידער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1816 אין פּראָסניץ, מעהרן. ער האָט באַקומען אַ רעליגיעזע און איינצייטיק וועלטלעכע דערציאונג. ער לערנט אין די ישיבות פון ניקלשבורג און פּראַג, וואו ער באַזוכט גלייכצייטיק די גימנאַזיע. צו 20 יאָר קומט ער קיין ווין, וואו ער הייבט אָן שטודירן אָריענ־טאַליסטיק און פאַראינטערעסירט זיך מיט ביבליאָגראַפיע. ווי אַ ייד ווערט אים באַשווערט דאָס שטודירן אין ווין און ער פאָרט קיין לייפציג. ער שטודירט אַראַביש און בכלל מזרח־שפּראַכן. אין 1850 באַקומט ער דעם טיטל ד"ר פון

---

[17] דער פולער טיטל פון דאָזיקן ווערק איז:
Bibliotheca Judaica. Bibliographisches Handbuch der Gesammten Juedischen Literature mit Einschlus der Schriften ueber Juden und Judentum und einer Geschichte dei Juedischen Bibliographie.

לייפּציגער אוניווערסיטעט און ווערט פאַרבעטן קיין אָקספאָרד (ענגלאַנד) ער זאָל צונויפשטעלן דעם קאַטאַלאָג פון דער העברעאישער אָפּטיילונג פון דער דאָרטיקער, ברייט־באַרימטער — באַדלעיאַנאַ ביבליאָטעק, דער דאָזיקער קאַטאַלאָג האָט אים געגעבן אין דער וועלט אַ נאָמען פון דעם גרעסטן ביבליאָגראַף.[18]

אַ סעריע ביבליאָטעקן וועלכע האָבן גרויסע זאַמלונגען פון יודאַיקע און העבראַיקאַ (סיי געדרוקטע, סיי מאַנוסקריפּטן) ווענדן זיך צו אים ער זאָל אויספאָרשן און קאַטאַלאָגירן זייערע זאַמלונגען. אַזוי שטעלט ער צוזאַמען די קאַטאַלאָגן פון די יידישע קאָלעקציעס, בעיקר מאַנוסקריפּטן. אַדאַנק מ. שטיינשניידערס פּאַכמענערישע ידיעות און מיפּולע אַרבעט האָט די וועלט, פריער פאַר אַלץ די יידישע פאָרשערישע און וויסנשאַפטלעכע וועלט זיך דערוואוסט וועגן די יידישע גייסטיקע אוצרות וואָס געפינען זיך אין די ניט יידישע ביבליאָטעקן. ער שטעלט צוזאַמען די קאַטאַלאָגן פון די יידישע מאַנוסקריפּטן וועלכע געפינען זיך אין די אוניווערסיטעטן אָדער מלוכהשע ביבליאָטעקן אין ליידען (שווייץ), מינכען, האַמבורג, בערלין.

עס איז כדאַי אויסצורעכענען די דאָזיקע קאַטאַלאָגן, איינע פון די גרעסטע אויפטוען פון מ. שטיינשניידערן. מיר גיבן זיי ווי זיי הייסן און די אָפיציעלע טייטלען:

1) ליידען, מלוכה־אוניווערסיטעט,
Catalogus codicum hebraeorum Bibliothecae Academiae Lugduno—Batavae, auctre *M. Steinschneider* Lugduni—Botovorum 1858.

דער קאַטאַלאָג האָט אַן אַריינפיר פון 27 זייטן און 424 זייטן מיט 11 רעפּראָדוקציעס.

2) בייערישע מלוכה־ביבליאָטעק אין בייערן
Catalog der Hebraeischen Handschriften der K., Hof—und Staatsbibliotek in Muenchen. Beschrieben von *Moritz Steinschneider*. Muenchen, 1875.

אין דאָזיקן קאַטאַלאָג (228—12 זייטן) זענען באַשריבן 418 כתב־ידן אין העברעאיש און יידיש, צווישן זיי דער עלטסטער תלמוד־כתב־יד און זייער וויכטיקע אַלט־יידישע קאָדעקן.

מיט 20 יאָר שפּעטער (1895) איז, אויך אונטער שטיינשניידערס רעדאַקציע, אַרויס אַ צווייטע, אויסגעברייטערטע אויסגאַבע פון דאָזיקן קאַטאַלאָג.

3) מלוכהשע און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין האַמבורג.
Catalog der Hebraeischen Handschriften in der Staatbibliothek zu Hamburg und der sich anschlisenden in anderer Sprache., *Von Moritz Steinschneider*, Hamburg 1878.

---

[18] דער נאָמען פון דאָזיקן גראַנדיעזן ווערק איז:
Catalogus Literarum Hebraeorum in Bibliotheca Bodleiana, Jussu euratdrum digessit et notis instruxit M. Steinschneider.

דער דאָזיקער קאַטאַלאָג (20—220 זייטן) ברענגט די באַשרייבונג פון 355 מאַנוסקריפּטן.

אַגב זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז די דאָזיקע אויסערגעוויינלעכער וויכטיקע קאָלעציעס האָבן איבערגעלעבט דער מלחמה און חורבן. פון די יידישע מאַנוסקריפּטן אין מינכען און האַמבורג, האָב איך אין די יאָרן 1948—1950 געמאַכט פאָטאָסטאַטן און מיקראָפילמען און זיי באַזאָרגט צום יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט־ייוואָ אין ניו־יאָרק, וואו זיי געפינען זיך איצט.

די קאַטאַלאָגן־נומערן פון די פילמען פון די האַמבורגער יידישע כתב־ידן און ייוואָ־ביבליאָטעק פון ניו־יאָרק זענען: 125, 154, 161—163, 167, 169, 174, 176, 179.

4) פּרייסישע מלוכהשע ביבליאָטעק בערלין (איצט אין מאַרבורג).

Verzeichnis der Hebraeischen Handschriften der Koeniglichen Bibliothek zu Berlin, von *Moritz Steinschneider*, Berlin 1878—1897.

די דאָזיקע אַרבעט וואָס האָט געדויערט קאַרגע צען יאָר פאַרמאָגט די באַשרייבונג פון 259 כתב־ידן.

דאָס איז אָבער אײן געביט פון מ. שטיינשניידערס ביבליאָגראַפישע אויפטוען. חוץ די קאַטאַלאָגן פון יידישע אוצרות אין פרעמדע ערטער האָט ער צונויפגעשטעלט נאָך העכער פופציק ביבליאָגראַפיעס אויף די פאַרשידנסטע געביטן פון יידישער קולטור־ און ליטעראַטור געשיכטע. מיר וועלן ווי אַ ביישפּיל דאָ ברענגען אַ געוויסע צאָל.

1) ביבליאָגראַפישער האַנטבוך וועגן דער טעאָרעטישער און פּראַקטישער ליטעראַטור פאַר דער העברעאישער שפּראַכוויסנשאַפט. (געדרוקט אין לייפּציג 1858; שפּעטער אַ ריי צוגאַבעס וואָס פאַרמאָגן העכער דריי טויזנט פּאָזיציעס).

2) קריסטלעכע העברעאיסטן. ידיעות וועגן העכער 400 געלערנטע אין אייראָפּע וועלכע האָבן געשריבן אין העברעאיש, פראַנקפורט — 1901.

3) די העברעאישע איבערזעצונגען פון מיטלאַלטער און יידן ווי דאָלמעטשערס. בערלין 1893. דאָס ווערק האָט 2 בענד מיט 1077 זייטן. עס נעמט אַרום די אָפּטיילונגען: פילאָסאָפיע; מאַטעמאַטיק; מעדיצין.

4) די אַראַבישע ליטעראַטור פון די יידן. פראַנקפורט 1902.

5) די איטאַליענישע ליטעראַטור פון די יידן. דריי פאַרשידענע אויסגאַבעס.

6) די יידיש־דייטשישע ליטעראַטור. באַשרייבונג פון 385 אַלט־יידישע ווערק.

7) ביבליאָגראַפיע וועגן מעדיצין ביי יידן. דריי פאַרשידענע אַרבעטן.

8) ביבליאָגראַפיע — די יידישע פרויען אין דער ליטעראַטור, צוויי פאַרשידענע פּובליקאַציעס.

9) יידישע שריפטן צו דער געאָגראַפיע פון פּאַלעסטינע, ירושלים 1892; 154 פּאָזיציעס.

10) ביבליאָגראַפיע פון ווערק וועגן פּורים אין פּאַראָדיע.

דער דאָזיקער צענדליק פון די העכער פופציק ביבליאָגראַפישע אַרבעטן פון מ. שטיינשניידערן ווייזן די ברייטע גאַמע פון זיינע שטודיעס; די פאַרשידענע געביטן פון זיין פאָרשונג־אינטערעס און דער עיקר זיין אַרבעטס־זאַמקייט.

אויב שבתי בס איז ביי יידן אָנגענומען ווי דער פאָטער פון דער יידישער ביבליאָגראַפיע קאָן, אָן גוזמא שטיינשניידער געקרוינט ווערן ווי דער וויסנ־שאַפטלעכער אַרכיטעקט פון ביבליאָגראַפיע ביי יידן.

שטיינשניידער האָט נאָך אַ ריי פאַרדינסטן, פריער פאַר אַלץ פאַר דער געשיכטע פון יידיש, יידישע ליטעראַטור. אין זיינע אַרבעטן האָט ער געניי אַנאַליזירט אַ ריי אַלט־יידישע ווערק. ער גיט אַ פאָרשונג וועגן „דאָס מעשה־בוך" אין יידיש; וועגן אַלטע טייטש־חומשים און די תנ"ך־איבערזעצונגען אין יידיש.

שטיינשניידער איז דער ערשטער וועלכער האָט ביי יידן געגרינדעט אַ זשורנאַל פאַר יידישער ביבליאָגראַפיע. זיין זשורנאַל המזכיר האָט עקסיסטירט פון 1858 ביז 1882, דערשינען אין בערלין. אין די 21 בענד זענען פאַרעפנטלעכט ממש אוצרות צו דער יידישער גייסט־געשיכטע, פון אַלע צייטן, פון אַלע שעפערישקייט־געביטן [19].

שטיינשניידער איז פון 1869 געווען דירעקטאָר פון אַ פרויען־שול. פון 1869 איז ער אויך געווען אָנגעשטעלט אין דער קעניגלעכער ביבליאָטעק אין בערלין, וואו ער האָט אָפּגעלעבט זיין גאַנץ לעבן, אַרבעטנדיק ביז 3 וואָכן פאַר זיין טויט. ער איז געשטאָרבן דעם 24טן יאַנואַר 1907.

3) יצחק אייזיק בן־יעקב און זיין זון יעקב בן־יעקב

אויב די ערשטע צוויי ביבליאָגראַפן פון דער תקופה, וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט, זענען געווען אָפּשטאַמיקע פון די מזרחדיקע געביטן פון מערב־אייראָפּע און זייער טעטיקייט האָט זיך בעיקר אויסגעווירקט אין דייטשלאַנד און אין דייטש איז דער דריטער, וועגן וועלכן מיר וועלן איצט דערציילן, דורך און דורך שוין אַ מזרח־אייראָפּעאישער, ריכטיקער אַ ליטווישער ייד. זיין וויסנ־שאַפטלעכע און פאָרשערישע „שול" איז, אמת, געווען אַ „דייטשישע", ריכטיקער באַווירקט פון דער בערלינער השכלה, וואָס האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין ווילנע.

[19] דער נאָמען פון זשורנאַל איז געווען „המזכיר" און האָט געהאַט אַן אונטער־טיטל:
Hebraeische Bibliographie — Blaetter fuer neuere und alltere Literatur des Judentums. Redigirt von M. Steinschneider. Zugleich eine Ergaenzung zu allen Organen des Buchhandles.

י. א. בן־יעקב איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1801 אין ראַמגאָלע ביי ווילנע אין אַ משפחה וואָס האָט געצויגן איר יחוס פון דורות רבנים. זייענדיק נאָך אַ קינד האָבן זיך זיינע עלטערן אַריבערגעצויגן קיין ווילנע. דאָ האָט יצחק־אייזיק באַקומען אַ שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג. ער האָט אָבער אויך (וואָס עס איז דאַן געווען אַ זעלטנקייט) זיך פאַראינטערעסירט מיט דיקדוק. ווערנדיק באַאיינפלוסט פון דער השכלה־באַוועגונג האָט ער זיך גענומען לערנען דייטש און זיך פאַרבונדן מיט די פירער פון דער דעמאָלטיקער „חכמת היהדות״ פון דייטשלאַנד. שוין אין דער יוגנט ווייזט ער אַרויס אַ נייגונג פאַר זאַמלען זעלטענע ספרים, און אַלטע כתב־ידן, ער הויבט אָן צו פאַרצייכענען וויכטיקע ווערק. נאָך זיין חתונה פאָרט ער אַריבער קיין ריגע, וואו ער פאַרנעמט זיך מיט מסחר.

ער וואוינט אין ריגע עטלעכע יאָר. עס פאַסט זיך ניט אַריין אין מסחר. עס ציט אים צו ספרים און ער פאָרט אַריבער קיין לייפּציג מיט דער כוונה זיך פאַרנעמען מיט בוך־האַנדל און מיט יידישע פאַרלאַג־טעטיקייט. לייפּציג האָט זיך גערעכנט פאַר אַ „ביכער־שפּייכלער״ אין דער וועלט. די לייפּציגער ביכער־יאַרידן („ביכער־מעסעס״) זענען געווען אַ שם־דבר. אין לייפּציג האָט זיך אין יענער צייט געפונען אַ ריי וויכטיקע פאָרשטייער פון דער השכלה. דאָ באַקאַנט ער זיך טאַקע פערזענלעך מיט אַ ריי יידישע געלערנטע און צווישן זיי די פריער־דערמאָנטע מאָריץ שטיינשניידער און יוליוס פירשט. (אַגב העלפט ער טאַקע אַרויס פירשטן ביים אַרויסגעבן זיין ביבליאָגראַפיש ווערק „ביבליאַ־טעקאַ העבראַיקאַ״, וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט).

ער גרינדעט אין לייפּציג אַ פאַרלאַג אַרויסצוגעבן ספרים און זעלטענע כתב־ידן. דאָס ערשטע בוך וואָס ער גיט אַרויס איז אַ זאַמלונג פון זיינע 185 עפּיגראַמען אונטערן נאָמען „מכתמים ושירים״. עס דערשיינען דאָרטן אַ ריי ווערק, בעיקר פון מיטל־עלטערלעכע מחברים. אין יאָר 1848 קערט ער זיך אום צוריק אין ווילנע, וואו ער פאַרנעמט זיך ווייטער מיט ליטעראַריש־פאַר־לעגערישער טעטיקייט. דאָ גיט ער אַרויס אין 17 בענד אַ תנ״ך־איבערזעצונג אין דייטש (נאָך משה מענדעלסאָן ביאור). די אַרבעט פירט ער דורך צוזאַמען מיט דעם באַקאַנטן משכיל פון קרעמעניץ ריב״ל (לעבענסאָן). די דאָזיקע מאָנומענטאַלע אַרבעט דויערט ביי אים פון 1848 ביז 1853.

זיין עיקר פאַראינטערעסירונג איז אָבער ביבליאָגראַפיע. שוין אין 1844 גיט ער אַרויס אין זיין פאַרלאַג אין לייפּציג אַ קונטרס מיט אויסבעסערונגען צום ביבליאָגראַפישן ווערק פון חיים יוסף דוד אַזולאַי (חיד״א) „שם הגדולים״.[20]

---

[20] קונטרס שנויי שם ותיקוני ועד, כולל שינויים, תיקונים והשמטות לספר שם הגדולים וספר ועד לחכמים חלק ראשון... אשר נדפסו מחדש ונוסף בו השמטות ועד לחכמים. הונף והורם מסוף ס׳ טוב עין — אַרויסגעגעבן פון יצחק־אייזיק בן־יעקב, לייפּציג 1844, 16 זייטן.

אין יאָר 1852 גיט ער אַרויס אין ווילנע אַן אויסגעבעסערטע און אויסגעברייטערע אויסגאַבע פון חידא״ס דערמאָנטן „שם הגדולים״. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון י. א. בן־יעקב ביבליאָגראַפישע אַרבעטן.[21]

כדי אַרויסצוגעבן אַ ביבליאָטעק פון זעלטענע העברעאישע דרוקן און מאַנוסקריפּטן, גרינדעט בן־יעקב אין ווילנע, אין יאָר 1862, אַ פאַרלאַג מיטן נאָמען „קרית ספר לחכמת ישראל״. ער באַוויזט אָבער נאָר אַרויסצוגעבן איין באַנד — אַ קריטישע אויסגאַבע פון „מאור עינים״ פון דעם יידיש־איטאַליענישן געלערנטן פון מיטלאַלטער עזריה דע־ראָסי, וואָס אין העברעאיש האָט ער זיך גערופן עזריה מן האָדומים.[22] עס זענען צוגעגרייט געווען נאָך 2 וויכטיקע ווערק: דער „ספר יוחסין״ פון אַברהם זכותא (זאַקוטא) און דער „מתורגמן״ פון אליה בחור. ער האָט די פּלענער ניט רעאַליזירט צוליב זיין טויט, דעם 13טן תמוז תרכ״ג (1863).

ערב זיין טויט האָט ער אָבער צוגעגרייט איינע פון די וויכטיקסטע ביבליאָגראַפישע ווערק. דאָס איז אַ רשימה פון יידישע דרוקן און מאַנוסקריפּטן אין אַלע שפּראַכן מיט יידישע אותיות (העברעאיש, יידיש, לאַדינאָ, יידיש־פּערסיש, אַראַביש א״א). די רשימה נעמט אַרום בערך 17.000 (זיבעצן טויזנט) טיטלען פון ווערק אין סדר פון אַלף בית פון די נעמען פון די ספרים.

דער טויט האָט י. א. בן־יעקבן געשטערט אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע ווערק וועלכן ער האָט אָנגערופן „אוצר הספרים״.

ערשט 17 יאָר נאָך זיין טויט, אין יאָר 1880, האָט זיין זון, יעקב בן־יעקב (געבוירן 1858 אין ווילנע, געשטאָרבן 1926 אין צאָפּאָט ביי דאַנציג) אַרויסגעגעבן אין ווילנע דעם דאָזיקן וויכטיקן ספר, וואָס איז ממש געוואָרן אַ וועגווייזער פאַר דורות פאָרשערס, ביבליאָפילן און ביבליאָגראַפן.

דער זון פון מחבר, דער אַרויסגעבער פון דעם „אוצר הספרים״, האָט צום ספר אָנגעשריבן אַ גאָר ברייטע הקדמה אונטערן טיטל „מגיד מראשית״, וואו ער דערציילט וועגן פאָטערס אַרבעט, וועגן דער געשיכטע פון ספר און די מקורות פון וואַנען יצחק־אייזיק בן־יעקב האָט געשעפּט זיינע אינפאָר־

---

[21] דער טיטל און אונטערטיטל פון ספר איז: ספר שם הגדולים, ועד לחכמים, כל החלקים והמסתעפים... נדפסו עתה בסדר חדש ומועיל והיו לשתי מערכות: א) מערכת גדולים, ב) מערכת ספרים, והכל ערוך ומסודר כסדר א״ב עם קצת הערות בסופו על ידי יצחק אייזיק בן־יעקב. חלק א—ב. ווילנא תרי״ג 1852.

אין ערשטן טייל גיט אַן יצחק אייזיק בן־יעקב אַ רשימה פון אַזולאַיס ווערק, וואו ער ברענגט 71 פּאָזיציעס.

[22] עזריה בן משה דע ראָסי — בן האַדומים איז געבוירן געוואָרן אין יאַנואַר 1513 אין מאַנטואַ, איטאַליע און געשטאָרבן אין יאָר 1578. ער האָט זיך גערעכנט ווי אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ מיוחסדיקער משפּחה, וועלכע איז דורך טיטוסן, ביים חורבן בית־שני פאַרטריבן געוואָרן קיין רוים. ער איז געווען איינער פון די באַקאַנטע וויסנשאַפטלער און מעדיקער. האָט באַהערשט חוץ לשון־קודש אויך לאַטיין, גריכיש, איטאַליעניש און שפּאַניש. זיין ספר „מאור עינים״ איז אַ פילאָזאָפיש ווערק.

מאַציעס. ער רופט אָן אַלע ביז דאַן באַקאַנטע ביבליאָגראַפישע פּובליקאַציעס און אינפאָרמירט געגוי וועגן דעם פּאַטערס פאַרבינדונגען מיט די אידישע געלערנטע פון זיין דור. באַזונדער איז געווען ענג זיין קאָנטאַקט מיט דעם גרעסטן ניט נאָר אין זיין צייט ידישן ביבליאָגראַף מאָריץ שטיינשניידער וועל־כער האָט איבערגעקוקט די רשימה ביזן אות חית און דערגאַנצט געוויסע פּרטים.


אוצר הספרים
ספר ערוך
לתכונת ספרי ישראל
נדפסים וכתבי יד
כסדר א״ב
יגיע למספר שבעה עשר אלף (17,000)
מאת
יצחק אייזיק בן־יעקב
מווילנא.
ווילנא
כשנת חמשת אלפים שש מאות וארבעים
ОЦАРЪ ГАСЕФАРИМЪ
т. е.
Библiографическiй Лексиконъ
всеобщей еврейской письменности
съ включенiемъ рукописей.
Составилъ
И. А. БЕНЯКОВЪ.
1880.

ОЦАРЪ ГА-СЕФАРИМЪ
(СОКРОВИЩЕ КНИГЪ).
БИБЛІОГРАФІЯ
ВСЕОБЩЕЙ
ЕВРЕЙСКОЙ ПИСЬМЕННОСТИ
СО ВКЛЮЧЕНІЕМЪ РУКОПИСЕЙ
въ алфавитномъ порядкѣ.
Составилъ
И. А. БЕНЯКОВЪ.

OZAR HA-SEPHARIM
THESAURUS LIBRORUM HEBRAICORUM
tam impressorum quam manu scriptorum.
AUCTORE
I. A. BENJACOB
WILNENSI.
OZAR HA-SEPHARIM
(BÜCHERSCHATZ).
BIBLIOGRAPHIE
der gesammten
HEBRAEISCHEN LITERATUR
mit Einschluss der Handschriften
Nach den Titeln alphabetisch geordnet
von
I. A. BENJACOB.
Herausgegeben vom Sohne
JACOB BENJACOB.

דאָס שער־בלאַט פון יצחק־אייזיקס „אוצר הספרים״, אַרויסגעגעבן דורך זיין זון יעקב בן־יעקב, ווילנע 1880. דאָס שער־בלאַט איז אויסער אין לשון־קודש אויך אין רוסיש, דייטש, לאַטיין.

דער אַרויסגעבער גיט דאָ, אַגב, איבער די ביבליאָגראַפישע סיסטעם, ביי וועלכער דער „אוצר הספרים״ האַלט זיך. ער רעכנט אויס די דרייצן עיקרים וואָס דער מחבר האָט זיך ביי זיי געהאַלטן ביים צונויפשטעלן די רשימות:

א) דער נאָמען פון יעדן ספר;

ב) דער נאָמען פון מחבר, אויך אָנגעגעבן דעם אַרויסגעבער, איבערזעצער, קאָרעקטאָר אדג״ל;

ג) מיט וואָסער שריפט איז דאָס בוך געדרוקט — אותיות מרובעות, רש״י־שריפט, מעשיט אַשכנזישער אָדער ספרדישער;

ד) אין וועלכער שפּראַך עס איז דער ספר;

ה) דער אינהאַלט פון ספר און צי גייען אַריין אויך קאַפּיטלען און צו־גאַבעס מחוץ דעם מחבר;

ו) צי זיינען אין ספר אויך פאַראַן פירושים און אויפקלערונגען צום טעקסט;

ז) די באַזונדערע טיילן, קאַפּיטלען, פּאַראַגראַפן פון ספר און זייערע נעמען;

ח) איבערזעצונגען — סיי אויב דער ספר איז איבערגעזעצט געוואָרן פון אַן אַנדער שפּראַך, סיי אויב מ׳האָט אים איבערגעזעצט אויף אַנדערע שפּראַכן;

ט) דאָס אָרט, וואו דער ספר האָט זיך געדרוקט;

י) די דאַטע, ווען דער ספר איז געדרוקט געוואָרן;

יא) דער פאָרמאַט פון ספר און די ענדערונגען ביי אַנדערע אויפלאַגעס;

יב) ביי מאַנוסקריפּטן איז אָנגעגעבן דאָס אָרט און צייט ווען דער כתב־יד איז געשריבן און די ביבליאָטעק אָדער אַרכיוו, וואו יעדער געפינט זיך, אָנגעבנדיק דעם קאַטאַלאָג־נומער פון דעם אָרט וואו זיי געפינען זיך;

יג) בלויזן אין די פּובליקאַציעס — דאָס פעלן פון אָרט וואו עס האָט זיך געדרוקט; דאָס פעלן פון יאָר; אַנאָנימען אָדער פּסעוודאָנימען, וועלכע דער מחבר פּרוּווט דעשיפרירן.

ווי מיר זעען האָבן מיר דאָ כמעט אַ פולע און גרינטלעכע טעאָריע פון ביבליאָגראַפישער רעגיסטראַציע, וואָס איז גאָר נאָענט צו די הייַנטיקע מאָדערנע כללים פון דער ביבליאָגראַפישער וויסנשאַפט.

דער אַרויסגעבער איז בכלל געגאַנגען אין די פוסטריט פון זיין פאָטער. ער גופא איז געווען אַ ביבליאָגראַף. אין זיין הקדמה גיט ער אויך אַכט פּאַ־ראַגראַפן, אין וועלכע ער קלערט אויף וועגן די גרויסן נוצן פון ביבליאָגראַפיע. ער זאָגט דערביי:

> די מערהייט פון אונדזערע געלערנטע (תורניים) ווייסן גאָרניט פון אַזאַ זאַך וואָס דאָס איז ביבליאָגראַפיע און האָבן ניט קיין אַנונג וואָס עס זיינען די אויפטוען פון די מחברים אין זייערע ספרים אויף דעם געביט״...

עס איז כדאי צו ברענגען דעם ערשטן פּאַראַגראַף פון די אַכט, ווייל אין אים געפינט זיך טאַקע דער גרונט־יסוד, דער עיקר־העיקרים פון דער ביב־ליאָגראַפיע ביי יידן. ער שרייבט:

> „א) עס איז באַקאַנט, אַז יעדער מענטש דאַרף ווייסן די גע־שיכטע פון זיין פאָלק, זיין לאַנד, זיין געבוירנאָרט. אַ פאָלק אָן אַ געשיכטע ווערט צווישן דער פעלקער־משפחה ניט גערעכנט. באַ־זונדער איז עס שייך צום יידישן פאָלק, וואָס גייט פון פאַרטרייבונג צו פאַרטרייבונג, פון וואַנדערונג צו וואַנדערונג, נאָר זיין ליטעראַטור פאַרמאָגט ער, וואָס דאָס איז דער איבערבלייב פון אַלע זיינע רייכ־

טימער; דאָס איז דער פּראַכט מיט וועלכן ער גרויסט זיך; דער ספר איז זיין פאָטערלאַנד, זיין רעגירונג, זיין פעסטער מאָנומענט פון אוראַלטע צייטן. און ווען ער ווייס די גייסטיקע שאַפונגען, די ספרים פון די אייביקע דורות פון די פאָרגייערס וועט ער אָנהייבן נאָכפאָרשן דעם גייסט פון זיינע אורעלטערן; די אַלטע געשיכטע פון זיין פאָלק פון דורות פריער; דעם וועג פון זיינע געלערנטע און מאַרטירער; די גרויסע פירער און וואָרט זאָגער, וועלכע האָבן זיך אַריינגעשריבן אין לעבן פאָלק — אין זיין גייסטיקן און מאַטעריעלן לעבן; וועלכע האָבן פאַרשפּרייט זייערע שוץ־פליגלען אין די פאַר־שידענע צייטן און ערטער. דאָס וועט לערנען יעדן יידישן מענטשן פאַרשטיין דעם גאַנג פון פאָלק אין די אַמאָליקע צייטן און אין די היינטיקע טעג אויף די הייליקע און וואָכעדיקע וועגן פון לעבן. דאָס איז דער עיקר פון אונדזער ליטעראַטור".

מיר האָבן געבראַכט דעם פולן טעקסט פון ערשטן פּאַראַגראַף, ווייל אין אים ליגט פאַקטיש דער יידישער ביבליאָגראַפישער אַני־מאַמין ביז צו אונדזערע היינטיקע טעג.

***

ווי מיר האָבן דערמאָנט איז דער זון פון דעם מחבר פון „אוצר הספרים", יעקב בן־יעקב, אויך געווען פאַרטאָן אין יידישער ביבליאָגראַפיע, הגם זיין באַשעפטיקונג איז געווען מסחר. ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַרויסצו־געבן אַ צווייטע אויפלאַגע פון „אוצר הספרים" ניט איבערטרעטנדיק די כראָנאָלאָ־גישע גרענעץ פון 1863, ווען זיין פאָטער האָט פאַרענדיקט דעם ספר. ער האָט דערפירט די רשימות ביז 60.000 (זעכציק טויזנט!) טיטלען. ער האָט צו־געגעבן אַ ריי זוך־צעטלען, אינדעקסן, קלאַסיפיקאַציע־גרופּן און בכלל מאָדער־ניזירט דאָס גאַנצע ווערק אין הסכם מיט די מאָדערנסטע וויסנשאַפטלעכע כללים פון ביבליאָגראַפיע. די דאָזיקע אויפגאַבע איז אים ניט געלונגען צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן. יעקב בן־יעקבס איידעם —דער מאַרטירער און קרבן פון די נאַציס פּראָפ' משה שאָר האָט באַשלאָסן דאָס דאָזיקע גראַנדיעזע ווערק אַרויסצוגעבן. ער האָט אַפילו געהאַט צוגעזאָגט סובסידיעס אויף דעם. פּראָפ' שאָר האָט וועגן דער דאָזיקער אַרבעט פאַרעפנטלעכט אַ ריי באַריכטן אין דייטש העברעאיש און יידיש.[23] דער גורל פון דעם כתב־יד איז נישט באַקאַנט.

---

[23] אין דייטש:
M. Schorr — *Thesaurus Bibliographiae Hebraicae*, in 'Soncino Blaeter', 1927;

אין העברעאיש: „העולם", אין 1934;
אין יידיש: שור משה — „בן־יעקבס „אוצר הספרים", באַריכט מכוח דעם איצטיקן צושטאַנד פונעם מאַטעריאַל און דער צוגרייטונג פון אַ נייער אויסגאַבע פונעם גרויסן יידישן ביבליאָגראַפישן ווערק. ייוואָ־בלעטער, ווילנע באַנד 8, 1935, זייטן 138—147.

וועלן מיר צום סוף צוגעבן, אַז חוץ דעם דערמאָנטן גרונטווערק „אוצר הספרים” האָט יצחק־אײַזיק בן־יעקב אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אַ זייער וויכטיקע ביבליאָגראַפֿישע אַרבעט וועגן די יידישע דרוקן אין ווילנע פֿון 1847—ביז 1857 אין מ. שטיינשניידערס ביבליאָגראַפֿישן זשורנאַל „המזכיר” אין די יאָרן 1861—1862. ער האָט געבראַכט די טיטלען אין גענויע באַשרייבונגען פֿון 460 יידישע ווערק, וואָס זענען דערשינען אין די פֿאַרשידענע ווילנער דרוקערייען אין משך פֿון דער צייט.

אויף דעם אָרט דאַרף מען דערמאָנען נאָך איינעם וואָס האָט זייער פֿיל אויפֿגעטאָן פֿאַר יידישער ביבליאָגראַפֿיע, דאָס איז חיים־דוב פֿרידבערג מחבר פֿון פֿיל מאָנאָגראַפֿיעס צו דער געשיכטע פֿון יידישן דרוק וועזן, בפֿרט זיין „בית עקד הספרים”, וואו ער ברענגט די גאַנצע בוך־פּראָדוקציע ביי יידן, אין יידישע אותיות. אַגב האָט ער אין איין אַרבעט געבראַכט אַ ריי אויסבעסערונגען צום „אוצר הספרים”.

**
*

מיר האָבן זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף די גרונטלייגער פֿון דער יידישער ביבליאָגראַפֿיע און זייערע אויפֿטוען. מיר קומען איצט צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער ביבליאָגראַפֿישער טעטיקייט ביי יידן.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז עס האָט אונדז געפֿעלט (און פֿאַקטיש האָבן מיר עס נאָך ביז היינט צו טאָג ניט) אַ ביבליאָגראַפֿישן צענטראַלן אינסטיטוט. וואָס זאָל אַרומנעמען אונדזער גאַנצע יידישע פֿיל־שפּראַכיקע און צעזייטע און צעשפּרייטע יידישע גייסטיקע שעפֿערישקייט. דאָס טוען יחידים ליבהאָבער, וואָלונטערן, ביי וועמען ביבליאָגראַפֿיע און ביבליאָפֿיליע איז בעיקר אַ פּערזענלעכע האָבי. אין משך פֿון דעם 20טן יאָרהונדערט איז אָבער אויסגעוואַקסן ביי יידן, טאַקע צווישן פֿאָרשערס און וויסנשאַפֿטלער, אַ גאָר פֿיינע צאָל ביבליאָגראַפֿען, וואָס יעדער האָט פֿאַר זיך, אויף זיין שטייגער און מעטאָדע; אויף זיין געביט און פֿאַראינטערעסירונג־ספֿערע ביחידות, פֿאַר זיך, אויפֿגעטאָן זייער פֿיל צו באַרייכערן און פֿאַרגרעסערן אונדזער ביבליאָגראַפֿישע שעפֿערישקייט.

בכדי צו האָבן אַ באַגריף ווי עס האַלט מיט ביבליאָגראַפֿיע ביי יידן וועלן מיר דאָ אָנווייזן אויף איין ווערק, וואָס עס האָט געשאַפֿן דער ביבליאָגראַף שלמה שונמי (שונאַמי) אין יאַר 1936 (דאַן געווען ביבליאָטעקאַר פֿון ירושלימער אוניווערזיטעט) מיטן נאָמען מפתח המפתחות [24] אַרויסגעגעבן אין ירושלים דורך דער אוניווערזיטעט. אין יידיש וואָלט מען דעם טיטל פֿון בוך פֿאַרטייטשט דער שליסל פֿון די שליסלען.

---

[24] אין ענגליש איז דער טיטל :
Bibliography of Jewish Bibliographies by Shlomo Shumami. Jewish National and University Library.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין 26 קאַפּיטלעך, וואָס נעמען אַרום אַלע גע־ביטן פון יידישן לעבן און שאַפן יעדעס קאַפּיטל האָט נאָך זיינע אונטערקאַפּיט־לען.

כדאי זיך צו באַקענען מיט די באַזונדערע קאַפּיטלען כדי צו האָבן אַ באַ־גריף וועגן דער צעצווייגטקייט פון דעם געביט ביי יידן. דאָס זענען די קאַפּיטלען:

1) ענציקלאָפּעדיעס; 2) ביבליאָגראַפיע פון ביבליאָגראַפיעס; 3) אַלגעמיינע ביבליאָגראַפיעס; 4) קאַטאַלאָגן פון עפנטלעכע קאָלעק־ציעס; 5) קאַטאַלאָגן פון פּריוואַטע קאָלעקציעס; 6) קאַטאַלאָגן פון מוכר־ספרימניקעס; 7) ביבליאָגראַפישע פּעריאָדישע פּובליקאַציעס; 8) פּעריאָדישע רשימות; 9) רעליגיע, פילאָסאָפיע, קבלה; 10) העב־רעאיש; 11) תנ״ך; 12) תלמוד, מדרשים, הלכה, מנהגים, געריכט; 13) ליטורגיע, מוזיק, דרוש; 14) העברעאישע ליטעראַטור; 15) יידישע ליטעראַטור; 16) שפּאַניש־יידיש און פּאָרטוגעזיש יידיש; אַנדערע דיאַלעקטן; 17) יידן און די פעלקער; 18) סאָציאָלאָגיע; 19) סעקטעס ביי יידן (שומרונים, קאַראימער, שבתי־צביניקעס, פראַנקיסטן, חסי־דים); 20) וועלטלעכע לימודים (מאַטעמאַטיק, קאַלענדאַר־וועזן; מע־דיצין, נאַטור־וויסנשאַפט, אַגרי־קולטור); 21) ארץ ישראל, ציוניזם; 22) געשיכטע (געאָגראַפיע, אַרכעאָלאָגיע, אַנטראָפּאָלאָגיע, עטנאָלאָגיע) 23) ביאָגראַפיע און ביאָ־ביבליאָגראַפיע; 24) פּערזענלעכע ביבליאָ־גראַפיעס; 25) יידישער דרוקוועזן, וועגן בוך ביי יידן; 26) מאַנוס־קריפּטן.

צוזאַמען האָט שונמי אין יאָר 1936, מיט קאַרגע 30 יאָר צוריק, אין זיין „שליסל פון די שליסלען" אַריינגענומען 2078 פּאָזיציעס. יעדע פון די פּאָזי־ציעס באַשטייט פון צענדליקער, פון הונדערטער און ניט זעלטן פון פיל טויזנטער באַזונדערע ביבליאָגראַפישע איינסן.

ניט געקוקט וואָס ש. שונמי האָט צו זיין דעמאָלטיקער אַרבעט אויסגענוצט אַלע ביבליאָגראַפישע זאַמלונגען אין די וועלט־ביבליאָטעקן איז זיין „מפתח המפתחות" ניט געווען קיין פולער (בכלל איז ניט מעגלעך צו ברענגען אויס־שעפּענדיקע ביבליאָגראַפיעס). אַזוי האָט דער יידישער געלערנטער, היינט פּראָפעסאָר, מרדכי קאָסאָווער שוין דאַן פאַרעפנטלעכט אַ הוספה פון 70 ביב־ליאָגראַפיעס, וואָס זיי פעלן ביי שונמין.[25]

מיר ווייסן, אַז עס ווערט איצט אויסגעפּאַרטיקט אַ נייע אויפלאַגע פון דעם „מפתח המפתחות" אין ירושלים, אַרויסגעגעבן פון דעם זעלביקן ש. שונמי. מיר

---

[25] קאָסאָווער מ. מפתח המפתחות, ביבליוגרפיה של ביבליוגרפיות ישראליות חובר בידי שלמה שונמי... רעצענזיע אין: „ייוואָ־בלעטער" — ווילנע, באַנד 9, 1936, זייטן 262—272.

האָבן נאָך ניט געזען די נייע אויפלאַגע מיר ווייסן אָבער, זי איז מער ווי דאָפּלט גרעסער ווי די ערשטע, וועט האַלטן מער פון טויזנט זייטן.

אין משך פון דער צייט איז געוואַקסן דער אינטערעס צו ביבליאָגראַפיע ביי יידן און געקומען איז עס צום אויסדרוק מיטן אויפקום פון אַ ריי פּעריאָדי־שע אויסגאַבעס ספּעציעל פאַר ביבליאָגראַפיע.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט דעם „המזכיר" וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן מאָריץ שטיינשניידער אין די יאָרן 1858—1882. מיר וועלן ווייטער ברענגען אין כראָנאָלאָגישן סדר אַ ריי וויכטיקערע ספּעציעל פאַר ביבליאָגראַ־פיע ביי יידן פּעריאָדישע פּובליקאַציעס, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן אַ לענגערן פּעריאָד:

1) *Zeitschrift fuer Hebraeische Bibliographie.*

דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון ה. בראָדי אין בערלין פון 1896—1911 און פון 1913 — ביז 1923. 23 יאָרגאַנג.

2) *Soncino Blaetter.*

אַרויסגעגעבן אין בערלין דורך דער „סאָנטשינאַ געזעלשאַפט" צו דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון יידישן בוך, דערשינען אין די יאָרן 1925—1930.

3) „קרית ספר", רבעון לביבליוגרפיה, כלי מבטאו של בית־הספרים הלאומי.

ביבליאָגראַפישער דריי־חדשים זשורנאַל אַרויסגעגעבן פון דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין 1924. היי־יאָר, 1965, איז שוין דערשינען דער באַנד 40.

4 *Studies in Bibliography and Booklore.*

וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דער ביבליאָטעק ביי דער היברו יוניאָן קאַלעדזש און יידישער אינסטיטוט פאַר רעליגיע אין סינסינאַטי, אָהיאָ. די דאָזיקע „סטודיעס" האָבן אָנגעהויבן דערשיינען ווי אַ דריי־חדשים־שריפט אין יוני 1953 (אין תשי"ג) און דערשיינט מער ווייניקער רעגולער ביז היינט. (וועגן ביבליאָגראַפישע פּובליקאַציעס אין יידיש רעדן מיר אַ ביסל ווייטער).

פון די 4 פּובליקאַציעס דערשיינען ביז היינט די לעצטע צוויי. דער „קרית־ספר" פאַרנעמט זיך בעיקר מיט רעגיסטרירן די אַקטועלע בוך און פּרעסע־פּראָדוקציע ביי יידן און וועגן יידן אין אַלע שפּראַכן. אין יעדן נומער געפינען זיך געציילטע אַרבעטן, שטודיעס און ביבליאָגראַפיעס וועגן געוויסע ענינים, געביטן, דרוקן וכדומה. די רעגיסטראַציע איז ווייט צו זיין אַ פולע, פריער פאַר אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו יידיש. די סיבה איז אַ פּשוטע. ראשית רע־גיסטרירט דער „קרית ספר" די ישראלדיקע דרוק־פּראָדוקציע. פון חוץ־לאָרץ (ווי דאָס הייסט ביי דער רעדאַקציע די יידישע תפוצות) ווערן רעגיסטרירט נאָר יענע ביכער און צייטשריפטן וואָס די רעדאַקציע באַקומט צוגעשיקט פון די פאַרלאַגן, מחברים און אַרויסגעבער. ליידער טוען עס ניט די אַלע וואָס וואָלטן וועגן דעם געדאַרפט געדענקען.

פון צייט צו צייט דרוקט דער „קרית ספר״ געווויסע ביבליאָגראַפיעס, עסייען און שטודיעס וואָס האָבן אַ שייכות צו יידיש און יידישע ליטעראַטור.

אין די סיסניסנאַטער „סטודיעס״ דאָמינירן בעיקר טאַקע שטודיעס, פאָרשונגען און עסייען וועגן יידישע בוך־וועזן — דרוקערייען, מחברים, געוויסע היסטאָרישע אַספּעקטן, פעריאָדן וכדומה. עס ווערן דאָרטן געבראַכט אַ סעריע ביבליאָגראַפיעס, וואו עס ווערן אַגב־אורחא אויך אַריינגעפאָלכטן יידיש־עלעמענטן. ווי אַ ביישפּיל וועל איך דערמאָנען אַ פּאָר פאַרעפנטלעכטע אין די „סטודיעס״ ביבליאָגראַפיעס:

ז. שייקאָווסקי, ביבליאָגראַפיע פון יודאַיקאַ נאַפּאָלעאָניקאַ.[26]

וואָלף לעסלאַו, ביבליאָגראַפיע וועגן די פאַלאַשן.[27]

ישראל יעקב דינסטאַג — רמב״ם — ביבליאָגראַפיע.[28]

לאה, י. מישקין — וועגן פעסטשריפטן פון יידישע דערציאונג אינסטיטוציעס.[29]

דאָס וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט איז נאָר אַ ביישפּיל, וואָס ווייזט אַגב די פאַראינטערעסירונג־געביטן וואָס די „סטודיעס״ נעמען אַרום.

אַהער געהערט אויך דער דריי שפּראַכיקער יאָר־בוך וואָס ווערט זינט תש״ג (1942—1943) אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק פון דעם יידישן ביכער־ראַט אין אַמעריקע, ער האָט טאַקע אַ דרייפאַכן נאָמען „יידישער בוך־אַלמאַנאַך״; „שנתון הספר העברי״ און Jewish Book Annual היי־יאָר איז שוין דערשינען דער 23טער באַנד (פאַרן יאָר תשכ״ו 1965—1966). יעדער באַנד ברענגט זייער פיל, פאַרשידנאַרטיקן ביבליאָגראַפישן מאַטעריאַל וועגן די ענינים פון בוך, קולטור און ליטעראַטור ביי יידן אין פאַרשידענע לשונות.

**
*

ביז איצט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט וועגן ביבליאָגראַפיע ביי יידן בכלל. וועלן מיר איצט צוטרעטן צו דער ביבליאָגראַפיע וועגן יידיש און אין יידיש.

---

[26] Judaica—Napolooniea: A Bibliography of Books, Pomphlets and Printed Documents, 1801—1815, Zosa Szajkowski.

פאַרעפנטלעכט אין די „סטודיעס״ נומער 4, באַנד 2, 1956.

[27] A Supplementery Folasha Bibliography, by Wolf Leslaw, Los Angeles.

פאַרעפנטלעכט אין די „סטודיעס״ נומער 1, באַנד 3 1957.

[28] מפתח הרמב״ם. רשימה מקצועית אַלפאַ־ביתית מהספרות על הרמב״ם ומשנתו, מאת ישראל יעקב דינסטאַג, ניו־יאָרק.

[29] Festschriften of Jewish Educational Institutions, a Bibliography by Leah Y. Mishkin, Chicago.

פאַרעפנטלעכט אין די „סטודיעס״ באַנד 5 1961.

אין יידישלאַנד

איך ווייס נישט ווער עס האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין אונדזער לעקסיקאָן דעם אויסדרוק „יידישלאַנד״ אָבער דער פאַקט איז אַז, אַזאַ „לאַנד״ עקסיסטירט, הגם אויף די געאָגראַפישע לאַנדקאַרטעס איז זי ניט אָפּגעצייכנט. אייגנטלעך איז עס טאַקע אַן אוניקום — „לאַנד״ — וואָס האָט ניט קיין פּאָליטישע אין אַדמיניסטראַטיווע גרענעצן און פאַרמאָגט אויך ניט קיין גרענעץ־וועכטער און צאָל־באַגרענעצונגען; עס איז אַ „לאַנד״ וואָס איז גע־גליכן צו דעם גאַנצן יידישן וועלט־באַנעם, וואָס אָנהייבנדיק פון דער רעליגיע־זער דאָגמע ביז דעם וועלטלעכסטן איינטייטש איז עס באַזירט אויפן אין סוף, אויף דער גרענעצלאָזיקייט, דער אָן־סופיקייט פון עקסיסטענץ.

וועגן יידיש

וועגן יידיש האָבן מיר עלטערע ביבליאָגראַפיעס. אין יידיש הייבט זיך אָן די ביבליאָגראַפישע שעפערישקייט מיט העכער אַ האַלבן יאָר הונדערט צוריק.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט מאָריץ שטיינשניידער און זיינע פּאָר שונגען וועגן יידיש־דייטש, ער האָט פאַקטיש 2 וויכטיקע ביבליאָגראַפיעס וועגן דעם.[30]

אַ צווייטע וויכטיקע ביבליאָגראַפיע וועגן יידיש דייטש שטאַמט ניט פון קיין יידן, פון פרידריק קריסטיאַן בענעדיקט אַווע—לאַלעמאַן, אַ דייטשער יוריסט און פּאָליציי־באַאַמטער (געבוירן 1809 געשטאָרבן 1892). ער האָט זיך צוליב זיינע אַדמיניסטראַטיווע־פּאָליציי־פונקציעס פאַרנומען מיט שטודירן די דייטשישע גנבים־שפּראַך און האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ ריי יידישע אויס־דרוקן אין דער דאָזיקער „גאונער־שפּראַך״. ער שטודירט יידיש און אין זיין בוך וועגן דער דייטשישער גנבים־שפּראַך, וואָס האָט 4 בענד, גיט ער אָפּ דעם באַנד 3 (זייטן 198—536) פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

ווייטער דאַרף מען דערמאָנען די אַרבעטן פון די יידישע געלערנטע: מאַקס (מאיר) גרינבאום; אַלפרעד לאַנדוי; לעאָ ווינער און מאיר־איכר פינעס. איך האָב דאָ גענומען די 4 יחידים, וואָס יעדער האָט אויף זיין אָפּשניט, אויף זיין צווייטער (ניט־יידישער) שפּראַך באַרייכערט די ביבליאָגראַפישע פאָרשונג און וויסנשאַפט פון יידיש.

מאַקס (מאיר) גרינבוים איז געבוירן געוואָרן 1817 אין אַ קליין שטעטל זעליגענשטאַדט אין העסען, דייטשלאַנד. געשטאָרבן אין 1898 אין מינכען. ער

[30] a) Juedisch-Deutsche Literatur, nach einem handschriftlechen Katolog der Oppenheimischen Bibliothek mit Zusatzen und Berichtigungen. (in Serapeum 1848—1849, 1864, 1866, 1869); b) Register zu der juedisch-deutschen Literatur (in Intelligeuz-Blatt zum Serapeum 1849).

איז אומגעפער אין מיטן פון 19טן יאָרהונדערט געקומען קיין אַמעריקע און האָט פאַרנומען דעם אַמט פון אַן אינספּעקטאָר אין יידישן יתומים־הויז אין ניו־יאָרק פון 1858 ביז 1870. ער פאַרברענגט די לעצטע יאָרן ווי אַ פּריוואַט־געלערנטער אין מינכען. ער גיט זיך אָפּ מיט יידישע אַלטערטום־שטודיעס און בעיקר שפּראַכן ביי יידן. ער איז דער ערשטער וואָס האָט געגעבן אַ וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז וועגן יידיש־דייטש אין זיין ווערק, וואָס איז פאַרזען מיט אַ רייכער ביבליאָגראַפיע [31] אין דער אַרבעט האָבן מיר שוין אַ ברייטערן קרייז פון דער יידישער ליטעראַטור פון דער אַלטער און נייער היים.

ד״ר אַלפרעד לאַנדוי, איז געבוירן געוואָרן אין בראָד דעם 23טן נאָוועמבער, 1850 אין אַ משפחה פון גרויסן ייחוס. צו 15 יאָר קומט ער קיין ווין, וואו ער האָט אָנגעהויבן שטודירן, פאַראינטערעסירן זיך מיט די אונטערשידן פון זיין היימישן יידיש און דייטש האָט ער גענומען פאָרשן די דאָזיקע אַנדערשנדיקייט. ער ווערט נאָכדעם פאַררעכנט ווי איינער פון די גרעסטע וויסנשאַפטלער־פילאָלאָגן. אין יאָר 1925 פייערט די וועלט דעם 75טן געבוירנטאָג פון ד״ר אַלפרעד לאַנדוי און דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט גיט לכבוד דעם בעל־היובל אַרויס דעם ערשטן באַנד פילאָלאָגישע שריפטן פון ייוואָ, וואָס איז טאַקע באַטיטלט ווי דער לאַנדוי־בוך. אין דאָזיקן לאַנדוי־בוך געפינט זיך אַ ביבליאָגראַפיע פון לאַנדויס שפּראַך־שטודיעס. ער איז צווישן־אַנדערע דער מחבר פון אַ ביבליאָגראַפיע וועגן יידיש־דייטש, וואָס נעמט אַרום 64 פּאָזיציעס. [32] געשטאָרבן דעם 17טן מערץ 1935.

ד״ר לעאָ ווינער, איז געבוירן געוואָרן דעם 27טן יולי 1862 אין ביאַליסטאָק, געלערנט אין גימנאַזיע אין מינסק און וואַרשע און אָנגעקומען אין יאָר 1880 אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט. 1881־1882 שטודירט ער אין בערלין און אין זעלביקן יאָר קומט ער מיט זיינע עלטערן קיין אַמעריקע. אין די יאָרן 1883־1884 איז ער לערער פון גריכיש, לאַטיין און מאַטעמאַטיק אין אָדעסאָ, מיזורי. שפּעטער איז ער לערער אין אוניווערזיטעט אין קענזעס־סיטי. 1895 ווערט ער דאָצענט פון סלאַוויסטיק אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט, אין קעמברידזש, מאַס, וואו ער איז שפּעטער אַ פולער פּראָפעסאָר. מיט יידיש הויבט ער זיך אָן פאַרנעמען קלייבנדיק מאַטעריאַלן וועגן יידישן פאָלקלאָר. צוזאַמען מיט זיין פריינד פּראָפ׳ יודא א. יאַפע, זאַמלט ער אין ניו־יאָרק און אין באָסטאָן יידישע פאָלקסלידער און פאָלקס־מעשיות. אַזוי קומט ער בכלל צו שטודירן די יידישע ליטעראַטור און יידיש. ער איז מחבר פון אַ ריי גאָר וויכטיקע ווערק אויף דעם געביט און אין איינעם פון זיי שטעלט ער טאַקע צוזאַמען אַ גאָר וואָגיקע

---

[31] *Gruenbaum, Max (Meyer)* — Die juedisch-deutsche Literatur in Deutschland, Polen und America, Trier 1894.

[32] *Landau, Alfred* — Bibliographie des Juedisch-deutschen, (in: Mertz Ferdinand. Bibliographie der Deutschen Mundartenforschung, Wien, 1897 pp. 126—132.

ביבליאָגראַפיע וועגן יידיש און יידישע ליטעראַטור.[33] ער איז געשטאָרבן אין 1939.

פּינעס מאיר־איסר, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1881 אין מאָהילעוו אויפן דניעפּער, אַן אָפּשטאַמער פון דער ייחוסדיקער פּינעס־משפּחה פון ריזש־נאָי ביי סלאָנים. באַקומענדיק אַלגעמיינע בילדונג אין מאָהילעוו און אין ריגע איז ער אָנגעקומען אויפן יורידישן פאַקולטעט פון דעם אוניווערסיטעט אין בערן (שווייץ); שפּעטער איז ער אין פּאַריז, וואו ער שטודירט אין דער סאָר־באָנע. ער איז געווען אַקטיוו אין דער יידישער סאָציאַליסטישע באַוועגונג און אין דעם „פּינפטן" יאָר זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד אין דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי ס"ס. זיין באַרימט־קייט האָט ער אָבער באַקומען אַדאַנק זיין דיסערטאַציע, וואָס ער האָט געשריבן אין יאָר 1910 צו באַקומען דעם ד"ר טיטל. די אַרבעט איז וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז פאַרזען מיט אַ זייער ברייטער ביב־ליאָגראַפיע.[34] דאַרף צוגעגעבן ווערן, אַז זיין פראַנצויזישע אַרבעט איז אין יאָר 1911, דורך בעל־מחשבות איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש און דער־שינען אין וואַרשע אין יידיש־פאַרלאַג ב. שימין. אין 2 בענד (אָן דער ביב־ליאָגראַפיע). די אַרבעט איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן דורך שלמה ווערמעל אין רוסיש (1913, צוגעבענדיק אַ ריי אַרטיקלען) און אויך אין דייטש דורך געאָרג העכט (דערשינען אין יאָר 1913).

מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט נאָר אויף פ י ר ביבליאָגראַפישע אַרבעטן אין פרעמדע שפּראַכן וועגן יידיש אין יידישע ליטעראַטור. די דאָזיקע אַרבעטן זענען קלאַסישע, וועלכע האָבן די יידישע ליטעראַטור (איר געשיכטע און פּאַר־נעם) אַריינגעפירט, ניט מיט פיינטלעכע טענדענצן, אין דער ברייטער ניט־יידישער וועלט אָדער צו יידן, וואָס לעבן זיך אויס אין אַנדערע לשונות — אין דייטש, אין ענגליש, פראַנצויזיש און אין רוסיש.

ביים פאַרענדיקן דעם טייל ווילן מיר נאָך דערמאָנען איין אויסגאַבע פון יידישער ביבליאָגראַפיע אין רוסיש, וואָס איז דערשינען אין פּעטערבורג אין יאָר 1892, אַרויסגעגעבן דורך דער „חברה מפיצי השכלה" ווי אַ ביילאַגע צו דעם „וואָסכאָד". דאָס בוך (568 זייטן) האָט צוויי טיילן: 1. — יידן אין רוסלאַנד (11 קאַפּיטלען) און 2. — יידן בכלל, (7 קאַפּיטלען), וואָס נעמען אַרום צוזאַמען קרוב צען טויזנט ביבליאָגראַפישע פּאָזיציעס (9519), פאַר דער צייט פון 1708 ביז 1889, חוץ 2 אינדעקסן — פון מחברים און ענינים.[35]
אַ טייל קאַפּיטלען באַשעפטיקן זיך מיט יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

---

[33] *Wiener, Leo,* Bibliography. (In his: History of Yiddish Literature in the nineteen century. New York, 1899).

[34] *Pines Heyer Isser* — bibliographie (in his: Histore de la Litterature judeo-alemande, Paris, 1911).

[35] סיסטעמאַטיטשעסקי אוקאַזאַטעל — ליטעראַטורי אָ יעווריאַך נאַ רוסקאָם יאַזיקע סאָ ווּרעמעני וו'וועדעניאַ גראַזשדאַנסקאַוואַ שריפטאַ 1708, פאָ דעקאַבר 1889.

ביבליאָגראַפיע אין יידיש

אויב ביבליאָגראַפיע וועגן יידיש פון יידן איז יונג איז ביבליאָגראַפיע אין יידיש נאָך ייִנגער און איז אַלט בערך אַ האַלבן יאָרהונדערט.

שוין פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געמאַכט געוואָרן אַ פּאָר פּרוּוון אַרויסצוגעבן ביבליאָגראַפישע פּעריאָדישע פּובליקאַציעס. אין ביאַליס־טאָק איז אין יאָר תרע״א—1910 דערשינען אַן אויסגאַבע דער אידישער ביב־ליאָגראַף, אַן אויסגאַבע פאַר ביבליאָגראַפיע, ביבליאָטעקערײַ און וויסנשאַפט. רעדאַגירט דורך אַ. קאַטיק. די דאָזיקע אויסגאַבע ווערט אָנגעבן ווי ערשטעס העפט. מער ווי דער נומער איז אָבער ניט דערשינען[36]

אַ צווייטער פּרוּוו איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1914 מיטן אַרויסגעבן אין ווילנע דעם זשורנאַל „דער יודישער ביבליאָטעקאַר", אַ דרײַ מאָנאַטלעכער זשורנאַל, אָנגעגעבן רעד. ח. לייבאָוויטש, פאַקטיש רעדאַגירט דורך א. קירזש־ניץ. דער דערשינענער נומער איז דאַטירט נומער 1, יאַנואַר־אַפּריל 1914.[37] דער זשורנאַל האָט געדאַרפט דינען די אינטערעסן פון ביבליאָטעק־וועזן און ביבליאָגראַפיע. צוליבן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך דער זשורנאַל אָפּגעשטעלט נאָכן ערשטן נומער.

צו דעם צײַט־אָפּשניט געהערט אויך דאָס דערשיינען פון דעם ערשטן ברייט פאַרמאָסטענעם יאָרבוך „דער פנקס" מיטן אונטערקעפּל: „יאָהרבוך פאַר דער געשיכטע, פון דער יודישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע", ערשטער יאָרגאַנג — תרע״ב, רעדאַקטירט פון ש. ניגער; אַרויסגעגעבן ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, תרע״ג (1913). עס וועט כדאי זײַן צו ברענגען אַ פּאָר קורצע פּאַראַגראַפן פון דעם אַרײַנפיר: „פון דער רעדאַקציע". נאָכדעם ווי די אַרויסגעבער שטעלן זיך אָפּ ברייטער אויף די צילן פון דעם יאָרבוך זאָגן זיי צווישן אַנדערע:

> „...מיר האָפן פונעם קומענדיקן יאָרבוך אָן וועלן מיר האָבן די מעגלעכקייט צו ברענגען אויך די דאָזיקע נויטיקע (ביבליאָגראַפי־שע) ידיעות. די ביבליאָגראַפישע דאַטן זענען ווי רוסטאָוואַניעס פאַרן בנין פון דער ליטעראַטור־געשיכטע, מוז מען פאַר דער וויסנשאַפט־לעכער ביבליאָגראַפיע, וואָס איז אַזוי פאַרוואַרלאָזט ביי אונדז, שטאַרק זאָרגן" . . .

לײדער איז צו קיין צווייטן יאָרבוך ניט געקומען. אויך צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה אין 1914.

---

[36] נומער 182 אין דער פּובליקאַציע פון א. קירזשניץ „די יידישע פּרעסע אין דער געוועזענער רוסלענדישע אימפּעריע (1823—1916)", פעלקער פאַרלאַג פון פ.ס.ס.ר. מאָס־קווע—כאַרקאָוו—מינסק, 1930.

[37] קירזשניץ, דאָרטן נומער 242.

אין „פנקס" האָבן מיר טאַקע די ערשטע ביבליאָגראַפישע אַרבעטן אין יידיש וועגן יידיש. דריי אַרבעטן זענען אין „פנקס" גופא און איינע איז ווי אַ ביילאַגע צו אים מיט אַ באַזונדער זייטן־נומעראַציע.

די דריי אַרבעטן זענען:

זלמן רייזען — די יודישע פרעסע (אַ רשימה פון אַלע יודישע צייטשריפטן און צייטונגען, וואָס זענען אַרויס אין פערשידענע לענדער);

מ. שאַליט — אַ רשימה פון אַלע יידישע ווערק, וואָס זענען געדרוקט אין רוסלאַנד אין יאָר 1912. (איינגעטיילט אין גרופן: בעלעטעריסטיק; פובליציסטיק; קריטיק; וויסנשאַפט; לערביכער; פאַרשיידנס);

משה שאַליט — סטאַטיסטיק פון יודישן ביכער־מאַרק אין יאָר 1912.

די ספּעציעלע צוגאבע איז בער באָראָכאָווס גרונטיקע ביבליאָגראַפיע „די ביבליאָטייק פון יידישן פילאָלאָג" — פיר הונדערט יאָר יידישע שפּראַכפאָרשונג. אין דער ביבליאָגראַפיע ברענגט באָראָכאָוו 501 פּאָזיציעס, אין אַלע שפּראַכן, מיט ווערק (פון יידן און ניט יידן) וואָס האָבן צו טאָן מיט יידיש פאָרשונג.

**
*

אין דער זעלביקער צייט בערך, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה קומט אויף די לעקסיקאָגראַפיע אין יידיש, וואָס איז אַ וויכטיקער באַשטאַנד פון דער ביבליאָגראַפיע. אין יאָר 1914 דערשיינט די ערשטע אויפלאַגע פון זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע".[38]

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די 20קער יאָרן הויבט זיך אָן אַ גאָר אַקטיווע יידיש־ביבליאָגראַפישע פאַראינטערעסירונג מיטן רענעסאַנס פון דער יידישער ליטעראַטור אין די דעמאָלטיקע דריי יידיש־שעפערישע צענטערס — פוילן, פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און דער ראַטנפאַרבאַנד. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף די וויכטיקסטע עטאַפּן און אויפטוען פון דער צייט.

אין 1922 הויבט אָן אין פוילן צו דערשיינען אַ צוויי־חדשים זשורנאַל „ביכער וועלט", וואָס האָט אָנגעהויבן גאָר אָפט און סיסטעמאַטיש שרייבן וועגן יידישער ביבליאָגראַפיע און פאַרעפנטלעכן ביבליאָגראַפישע רשימות.

אַזוי האָט יוסף יאַשונסקי פון ערשטן נומער אָן אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אַ גאָר וויכטיקע ביבליאָגראַפיע — „די יידישע פעריאָדישע פרעסע זינט 1917 יאָר" (געגאַנגען אין המשכים אין 5 נומערן).

מיטן אויפקום פון ייוואָ ווערט גאָר שטאַרק פאַרשטאַרקט דער אינטערעס צו ביבליאָגראַפיע. דאָס קומט צום אויסדרוק אין די פאַרשידענע פובליקאַציעס פון ייוואָ („ייוואָ־בלעטער", פאַרשידענע זאַמלביכער און ספּעציעלע אויסגאַבעס).

---

[38] לעקסיקאָן פון דער יודישער ליטעראַטור און פרעסע, פון זלמן רייזען, רע־דאַקטירט פון ש. ניגער, וואַרשע, 1914 768—4־5 שפּאַלטן, 23 זייטן פאַקסמיליעס. דריי טיילן: 1. פערזאָנען—לעקסיקאָן; 2. יודישע פעריאָדישע אויסגאַבעס; 3. אַנאָנימע ווערק.

[39] ביכער וועלט, קריטיש־ביבליאָגראַפישער זשורנאַל דערשיינט אַלע צוויי חדשים אין וואַרשע, פאַרלאַג „קולטור־ליגע" ערשטער יאָרגאַנג 1922. יאַנואַר־פעברואַר.

עס פאַרעפנטלעכן זייערע שטודיעס און ביבליאָגראַפיעס אַ גאַר פיינע צאָל פון יידישע געלערנטע, פאָרשערס, ביבליאָטעקאַרן א״א. איך וועל דאָ אויסרע־כענען זייערע נעמען אין סדר פון אַלף־בית: דינה אַבראַמאָוויטש; מנשה אונגער; אידאַ איוואַסק; טשאַרלז אַנגאָף; יודל אַנילאָוויטש; פּראָפ׳ מאיר באַלאַבאַן; ל. בערז; אַברהם גאָלאָמב; ד״ר רודאָלף גלאַנץ; ד״ר ישראל דאַ־ווידזאָן; ד״ר אַברהם־מאיר האַבערמאַן; ד״ר מאַקס וויינרייך; זלמן זילבערצווייג; יעקב זשאַגאָרסקי; דוב־בער, טורקעל; פּראָפ׳ א. יודאַ יאָפּע; יעפים ישורין; מרדכי יעווזעראָוו; יוסף כהן; חיים ליבערמאַן; יחזקאל ליפשיץ; יודל מאַרק; אליעזר־רפאל מלאכי; ד״ר יצחק־שלמה מייער; קלמן מרמר; ש. ערדבערג; ד״ר פיליפּ פרידמאַן; ד״ר ישראל צינבערג; ד״ר פנחס קאָן; ד״ר מרדכי קאָ־סאָווער; פּראָפ׳ א. א. ראָבאַק; ד״ר יהודה ראָזענטאַל; ד״ר יצחק ריבקינד; זלמען רייזען; א. רייגין; ד״ר יעקב שאַצקי; ד״ר אליהו שולמאַן; משה שטאַרק־מאַן; ז. שייקאָווסקי; ליבע שילדקרעט; ש״ס־ראָמאַן.

דער יוואָ אין פוילן גיט אַרויס אין 1928 דעם באַנד „ביבליאָגראַפישע יאָר־ביכער פון ייוואָ״ באַנד איינס — 1926. (446+XXIII זייטן).

דאָס איז געווען דער ערשטער (און לײדער לעצטער) פּרוּוו פון אַזאַ ביבליאָגראַפישן יאָרבוך, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע ליטעראַרישע שעפערישקייט אין יידיש אין אַלע תפוצות פאַרן יאָר 1926, און אַ צוגאָב: ביכער און ניי־געגרינדעטע אויסגאַבעס אין 1927.

וואָס שייך דאָס יאָר 1926 זענען אַריינגענומען אין דעם ביבליאָגראַפישן יאָרבוך אויך אַלע אַרטיקלען אין דער יידישער פּעריאָדיק פאַרן דאָזיקן יאָר. צוזאַמען זענען אין יאָרבוך פאַראַן פאַרצייכנטע פאַרן יאָר 1926 — 10541; אין צוגאָב פון יאָר 1927: נייע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס — 140; נייע יידישע ביכער — 1008, צוזאַמען מיינט עס 11.689 פּאָזיציעס.

די ביבליאָגראַפיע האָט אַריינגענומען די וויטערדיקע יידישע יישובים (אין לענדער): 1. אורוגוואַי; 2. אַרגענטינע; ד. ארץ־ישראל; 4. בעלגיע; 5. בראַזיל; 6. דייטשלאַנד; 7. דענעמאַרק; 8. דרום־אַפריקע; 9. טשעכאָסלאָוואַקיי; 10. ליטע; 11. לעטלאַנד; 12. מעקסיקע; 13. ענגלאַנד; 14. עסטלאַנד; 15. עסטרייך; 16. פוילן; 17. פאַראייניקטע שטאַטן; 18. פראַנקרייך; 19. קובע; 20. קאַנאַדע; 21. ראַטנפאַרבאַנד; 22. רומעניע.

דער דאָזיקער ביבליאָגראַפישער יאָרבוך איז ביז היינט אַ מעכטיקע מאַ־ניפעסטאַציע וועגן דער ברייט־צעצווייגטער אימפּעריע פון יידישלאַנד. עס פאַרדינען דעריבער דערמאָנט צו ווערן די מיטגלידער פון דער ביבליאָגראַ־פישער קאָמיסיע פון ייוואָ און די מיטאַרבעטער וואָס האָבן דורכגעפירט די ריזיקע רעגיסטראַציע.

צו דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע האָבן דאַן געהערט: אינזש. מאַרק אידעלסאָן; יודל אַנילאָוויטש; ד״ר מאַקס וויינרייך; אינזש. יוסף יאַשונסקי; מרדכי יעווזעראָוו; חייקל לונסקי; ב. לעווין; מ. פּופּס; משה קאַנטאָר; אַננאַ ראָזענטאַל; זלמן רייזען; משה שאַליט; י. שטראַשון. די רעגיסטראַציע האָבן

דורכגעפירט אַברהם פּעקלער; ב. לעווין; י. לאַפּידוס און דער עיקר יודל אַנילאָוויטש.

די גרעסטע מערהייט פון זיי (טאַקע 99 פּראָצענט) זענען אומגעקומען — צוויי, אַננאַ ראָזענטאַל און זלמן רייזען דורך די קאָמוניסטן, די איבעריקע דורך די נאַציס.

אַ צווייטער יאָרבוך פאַר יידישע ביבליאָגראַפיע פון פּוילן איז דערשינען אין יאָר 1934, אַרויסגעגעבן דורך דער „געזעלשאַפט פריינד פונעם העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים". עס איז געווען אַ דריי־שפּראַכיקער יאָרבוך, וואָס האָט רעגיסטרירט נאָר ביכער און צייטשריפטן אין די דריי לשונות: יידיש, העברעאיש, פּויליש. עס האָט טאַקע געהאַט דריי באַזונדערע טיטלען און אָפּטיילונגען:

יאָרבוך פאַר יידישע ביבליאָגראַפיע אין פּוילן.

ביבליאָגראַפיע פון העברעאישע, יידישע און יודאַאיסטישע דרוקפּראָדוקציע אין פּוילן, רעדאַגירט דורך עדוואַרד יצחק־יעקב פּאָזנאַנסקי, ערשטער באַנד 1934 תרצ״ז — וואַרשע 1936 די וויטערדיקע טיטלען זיינען:

ספר השנה לביבליוגראפיה יהודית בפולניה.

Rocznik Bibliografii Zydowskiej w Polsce

אין דאָזיקן יאָרבוך זענען געווען רעגיסטרירט 142 העברעאישע; 330 יידישע און 163 (אין דעם אַ צאָל קאַראימישע) פּאָזיציעס.

אין דער צייט דערשיינען אין פּוילן די פיר בענד „לעקסיקאָן פון דער יידישע ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע" (ווילנע 1926—1929), פון זלמן רייזען, וואָס זענען ביז היינט פון די בעסטע אין פאַרלאָזלעכסטע ביאָ־ביבליאָ־גראַפישע האַנטביכער.

עס דערשיינען אויך אין וואַרשע די ערשטע צוויי בענד פון זלמן זיל־בערצווייגס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" (באַנד I אין יאָר 1931, באַנד II אין יאָר 1934). די בענד III און IV דערשיינען שפּעטער אין ניו־יאָרק.

**
*

אויך אין אַמעריקע קומט אויף צווישן ביידע וועלט־מלחמות אַ גאָר וואָגיקע ביבליאָגראַפיע אין יידיש. אויך דאָ איז דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטי־טוט דער הויפּט אינספּיראַטאָר פאַר דעם געביט.

עס דערשיינט דער „פּנקס",[40] וואָס גיט אָפּ אַ גאָר אָנגעזעענעם פּלאַץ פאַר ביבליאָגראַפיע. עס דערשיינט דער „פּרעסע־זאַמלבוך"[41] און לסוף די צוויי

[40] „פּנקס", אַ פערטליאָריקער זשורנאַל פאַר יידישער ליטעראַטור־געשיכטע, שפּראַכ־פאָרשונג, פאָלקלאָר און ביבליאָגראַפיע, ביי דער נאָענטער מיטאַרבערשאַפט פון ד״ר מ. ווײַנרייך; יודא, א. יאָפע; י. ל. כהן; ש. ניגער; יצחק ריבקינד און ד״ר יעקב שאַצקי. אַרויסגעגעבן פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — אַמעריקאַנער סעקציע. דערשינען 4 העפטן אין די יאָרן 1927—1928.

[41] זאַמלבוך, לכבוד דעם צווייהונדערט און פופציקסטן יובל פון דער יידישער פּרעסע 1686—1936, רעדאַקטירט פון ד״ר יעקב שאַצקי, אַרויסגעגעבן פון אַמאָפּטייל פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, נ״י 1937, 334 זייטן — 20 זייטן רעפּראָדוקציעס.

„יאָרביכער" פון דעם אַמעריקאַנער אָפּטייל פון ייוואָ.[42] די פּובליקאַציעס האָבן באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט דעם גייסטיקן פאַרמעג פון דער ביבליאָגראַפיע אין יידיש.

דאָ דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער זאַמלבוך „פינף און זיבעציק יאָר יידישע פּרעסע אין אַמעריקע 1870—1945", אַרויסגעגעבן פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַר־איין, נ"י 1945—תש"ה, רעדאַקטירט פון יעקב גלאַדשטיין, ש. ניגער, הלל ראָגאָף. אין דאָזיקן זאַמלבוך זענען פאַראַן אַ ריי געשיכטע־קאַפּיטלען צו דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע און אַ „מוסטערן־ביבליאָגראַפיע, 1901—1945" אין דער אַרבעט פון משה שטאַרקמאַן.

**
*

אין ראַטנפאַרבאַנד האָט די יידישע ליטעראַרישע קולטור־טעטיקייט ביז אַ געוויסן פּעריאָד (1930) אַרויסגעוויזן אויף איר שטייגער אַ גאָר אַקטיווע, אָרגאַניזירטע אַרבעט. אין דער צווייטע העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן האָבן שוין אַ טייל געפילט דעם אָנרוקנדיקן גזר פון דערשטיקן די יידישע ליטע־ראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד און האָבן באַשלאָסן אַריינכאַפּן וואָס פריער, וואָס מערער, וואָס מען וועט קענען.

אין יאָר 1930 דערשיינט טאַקע, אונטער דער רעדאַקציע פון י. ליבערבערג, דער „ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך" באַצייכנט ווי דער ערשטער באַנד, אַרויסגע־געבן פון דעם אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור ביי דער אוקראַיִנישער וויסנ־שאַפטלעכער אַקאַדעמיע, ביבליאָלאָגישע קאָמיסיע. דערשינען אין צענטראַלן פאַרלאַג פאַר די פעלקער פון פ.ס.ס.ר., מאָסקווע, כאַרקאָוו, מינסק 1930.

פון רעדאַקציע־פאָרוואָרט זעט מען, אַז:

„שוין מיט אָנדערטהאַלבן יאָר צוריק האָט דער פּרעזידיום פון אינסטיטוט אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויסצוגעבן אַ פערטליאָר־שריפט 'דער ביבליאָלאָגישער זשורנאַל'... ליידער אָבער, האָט זיך איבער אַ ריי סיבות ניט איינגעגעבן דעם אָנגענומענעם באַשלוס צו רעאַליזירן"...

קענען מיר זיך ניט אַריינלאָזן אין חקירות וואָס עס זענען די „סיבות", בלייבט דער פאַקט, אַז עס איז דערשינען דער „זאַמלבוך", וואָס איז געווען דער ערשטער און דער לעצטער פון דעם מין.

דער אינהאַלט פון דעם „זאַמלבוך" (וואָס פאַרנעמט 546 זייטן אין יידיש און 12 זייטן אינהאַלט אין דייטש אין רוסיש ווי אויך אַ רעזומע פון די אַר־

[42] יאָרבוך פון אמאָפּטיעל:
ערשטער באַנד, רעדאַקטירט פון ד"ר א. מוקדוני און ד"ר יעקב שאַצקי, ניו־יאָרק 1938.
צווייטער באַנד, רעדאַקטירט פון לייבוש לעהרער און יודל מאַרק, ניו־יאָרק 1939.
אַרויסגעגעבן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ייוואָ, אַמעריקאַנער אָפּטייל.
אַגב אין 2טן באַנד, וועלכער איז געווידמעט ד"ר יעקב שאַצקיס 25יאָריקער ליטעראַ־ריש־וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט, איז פאַראַן אַ ביאָ־ביבליאָגראַפיע פון יעקב שאַצקי, צוזאַמענגעשטעלט פון מרדכי קאָסאָווער און מנשה אונגער.

טיקלען אין אוקראַיניש) איז זייער אַ וואָגיקער צושטייער צו דער געשיכטע און מעטאָדיק פון דער ביבליאָגראַפיע בכלל און גאָר באַזונדער יידישע ביבליאָ־גראַפיע.

אויסער דעם פאָרוואָרט האָט דער זאַמלבוך די וויטערדיקע 5 אָפּטיילונגען:

1. אַלגעמיינער אָפּטייל (אַרבעט פון י. ליבערבערג);

2. געשיכטע פון פרעסע און דרוק; (אַרבעטן פון: א. קירזשניץ; א. יודיצקי; ש. באַראָוואָי);

3) ביבליאָגראַפישע עטיודן און רעצענזיעס (מיט אַרבעטן פון: מ. ווינער; נ. אויסלענדער; מאַקס עריק; י. קוויטני; י. מיטלמאַן; א. טערעבאַווער; י. קוזמינסקי);

4) ביבליאָטעכנאָגראַפיע (אַרבעטן פון: י. ליבערבערג; י. מיטלמאַן; ל. בראָוואַרניק; י. רובינשטיין; אַ טוניעוואַ; כ. נאַדעל);

5) ביבליאָגראַפיע (אַרבעטן פון: י. קוויטני; ז. ראַטנער; א. גורשטיין);

6) פאַרשידנס — מיט אַ סעריע נאָטיצן, באַריכטן, באַמערקונגען טייל פון די פריער שוין דערמאָנטע מחברים און פון: י. רימיניק; אַבע לעוו; יו. מע־זשענקאָ; מ. אייזנשטאַט.

פון די דערמאָנטע באַטייליקטע אין דעם „זאַמלבוך" זענען אַ טייל (לי־בערבערג, קירזשניץ, עריק, מיטלמאַן) אומגעקומען בעת די פאַרשידענע „רייניקונגען" דורך דער נ.ק.וו.ד.; אַבע לעוו איז געווען אַרעסטירט אין 1946 און געזעסן אין תפיסות און לאַגערן ביז 1956 און געשטאָרבן אין 1962; א. גורשטיין איז געפאַלן אויפן פראָנט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה; פון די איבעריקע איז פון דער מערהייט ניטאָ קיין שום ידיעות.

ביז די דרייסיקער יאָרן (ווען די קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן זייער בהדרגה־דיקע ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור־ און ליטעראַטור־טעטיקייט) זענען נאָך דערשינען דריי גאָר וויכטיקע ביבליאָגראַפיעס פון דער יידישער פרעסע. דער מחבר פון זיי איז אַברהם קירזשניץ.

1. אין 1928 איז אין מינסק דערשינען זיין ביבליאָגראַפיע „די יידישע פרעסע אין ראַטנפאַרבאַנד (1917—1927)". עס איז אַ כראָנאָלאָגישע רשימה וואָס נעמט אַרום 337 פרעסע־טיטלען דערצו אַן אינדעקס אין סדר פון אַלף־בית פון די נעמען פון די צייטשריפטן; אַ געאָגראַפישע אָנווייזונג, וואו די צייט־שריפטן זענען געדרוקט געוואָרן; אַ נעמען־אָנווייזער (רעדאַקטאָרן, מיטאַרבע־טער אאַ"וו) און אַ פרעסע־סטאַטיסטיק — פינף פאַרשידענע טאַבעלעס.

2. אין זעלביקן יאָר און אָרט (מינסק 1928) דערשיינט זיין צווייטע אַרבעט „די יידישע פרעסע אין ווייסרוסלאַנד" 1917—1937. 95 פּאָזיציעס מיט אַלע צוגאַבעס ווי אין דער פובליקאַציע נומער 1.

3. אין יאָר 1930 גיט א. קירזשניץ אַרויס אַ ביבליאָגראַפיע: „די יידישע פרעסע אין דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע" (1823—1916). אַרויסגעגעבן פון דעם צענטראַלן פעלקער־פאַרלאַג פון פ.ס.ס.ר., מאָסקווע־כאַרקאָוו־מינסק 1930. די ביבליאָגראַפיע נעמט אַרום 848 פּאָזיציעס פון יידישע פעריאָדישע

פובליקאַציעס. עס זענען דאָ פאַראַן אַלע אינדעקסן פון די פריערדיקע ביב־ליאָגראַפיעס (נומער 1 און 2). אין דעם געאָגראַפישן אָנווייזער ווערן אויך אָנגעגעבן די אויסלענדישע שטעט, וואו עס האָבן זיך (צוליב צענזור טעמים און אומלעגאַליטעט פון די באַוועגונגען) געדרוקט די צייטונגען פאַר רוסלאַנד, וואוהין זיי זענען אַריינגעשמוגלט געוואָרן.

אין דער לעצטער ביבליאָגראַפיע ברענגט א. קירזשניץ נאָך אַ מקורות־ביבליאָגראַפיע: „ביכער, זשורנאַלן און צייטונג־אַרטיקלען וועגן פּרעסע־וועזן אין יידיש אין דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע״. די רשימה פאַרמאָגט 94 מקורות־פּאָזיציעס אין יידיש, העברעאיש, רוסיש, ענגליש און דייטש.

איך וויל דערביי באַמערקן, אַז אין מיין רשות געפינט זיך אַ. קירזשניצעס אַ ווערק (אין מאַשין־שריפט און כתב־יד באַמערקונגען) מיטן נאָמען: „די יידישע פּעריאָדיק אין דער וועלט״. די אַרבעט האָט ער צוגעשיקט אין די 20קער יאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד. זי האָט ביי אַ פּאָר טויזנט פּאָזיציעס אין סדר פון אַלף־בית ווי אויך עטלעכע דיאַגראַמעס און טאַבעלעס. צו דער אַרבעט איז פאַראַן אַן אַריינפיר מיט דער געשיכטע פון דער דאָזיקער ביבליאָגראַפיע, וועל־כע ער האָט אָנגעהויבן זייענדיק אין סיביר און אירקוטסק. עס וואָלט געווען אַ יושר־גדול צו געבן דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט אַ תיקון.

***

עס זענען נאָך דערשינען אין ראַטנפאַרבאַנד אַ ריי פּערזאָנען־ביבליאָגראַ־פיעס, בעיקר וועגן אונדזערע קלאַסיקער: מענדעלע מוכר ספרים; י. ל. פּרץ און שלום עליכם.

פּערזאָנען־ביבליאָגראַפיעס

די פּערזאָנען־ביבליאָגראַפיע, בעיקר ביאָ־ביבליאָגראַפיע, איז ביי יידן שוין געווען פון גאָר לאַנג אָנגענומען. פאַקטיש זענען די אַלטע לשון־קודשדיקע און שפּעטערדיקע העברעאישע ביבליאָגראַפיעס פריער פאַר אַלץ געווען פּערזאָנען רשימות. שוין די נעמען פון די אויסגאַבעס: „סדר היוחסין״; „שם הגדולים״; „סדר הדורות; „קורא־הדורות״; גדולי ישראל״; „דור ודורשיו״; „דור וחכמיו״; „אנשי שם״; „דור רבניו וסופריו״; „אָהלי שם״ און דאָס גלייכן האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָס זענען רשימות פון אויסדערוויילטע יחידים.

די דאָזיקע טראַדיציע איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן ראשית אין דער דייטש־יידישער ביבליאָגראַפיע, וואו עס איז פאַראַן אַן אמתע שפע פון די כל־המינים „פעסטשריפטן״ לכבוד יחידים צו זייערע יובל־דאַטעס אָדער אַנדערע געלעגנ־הייטן.

אין יידיש איז די פּערזאָנען — ביבליאָגראַפיע געקומען אַ סך שפּעטער און איז ביי אונדז אַ זייער יונגער צווייג אויף דעם געביט.

די ערשטע פּערזאָנען ביבליאָגראַפיע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן וועגן אַב־

קאַהאַנען אין יאָר 1910 אין דעם „יובילעאום־שריפט צו אַב קאַהאַנס געבורטס־טאָג״.

די צווייטע פּערזאָנען ביבליאָגראַפיע אין יידיש איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט 5 יאָר שפּעטער, דאָס איז בער באָראָכאָװס „די פּרץ־ביבליאָגראַפיע״ אָפּ־געדרוקט אין „ליטעראַטור און לעבן — די נייע אידישע וועלט״, ניו־יאָרק 1915, צווייטער יאָרגאַנג נומער 5, זייטן 103—126. די דאָזיקע פּרץ־ביבליאָ־גראַפיע, האָט געהאַט 108 פּאָזיציעס [42]א.

די דריטע פּערזאָנען־ביבליאָגראַפיע אין יידיש איז אויך געווען פון בער באָראָכאָװ, וועגן שלום־עליכם אָפּגעדרוקט אין דער „צוקונפט״, באַנד 21, 1916 זייטן: 721—723; 801—803; 893—895; 1062—1064, אונטערן נאָמען „די ביבליאָגראַפיע פון שלום־עליכם״.

די פערטע פּערזאָנען ביבליאָגראַפיע איז אָפּגעדרוקט אין ווילנע וועגן אליה לעווין. דער מחבר איז אליהו־יעקב גאָלדשמיד אין „ווילנער זאַמלבוך״ באַנד 2, 1918.

פון 1925 הייבן זיך שוין אָן צו באַווייזן אין יידיש מערערע פּערזאָנען־ביבליאָגראַפיעס. פון דעם יאָר האָבן מיר:

